# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Khesbn No. 18-19, October 1959 - Entire Journal

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/2vw2b7q8

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 18-19(1)

**Publication Date**
1959

**Copyright Information**
Copyright 1959 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פערטל־יאָר שריפט פאַר

## ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען

טאָפּל **18-19** נומער

רעדאַקטאָר — י. פרידלאַנד



אַרויסגעגעבן פון:

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב — און — שרייבער קרייז ביים זשורנאַל „חשבון"

תשרי, ה'תש"ך — אָקטאָבער, 1959

לאָס אַנגעלעס, קאַליפאָרניע

108

# LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*Thirty - Third Anniversary*

*1926 --- 1959*

# "Cheshbon"

*Review of Literary and Cultural Activities*

QUARTERLY PUBLICATION

*of the*

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

*and*

L. A. WRITERS GROUP

I. FRIEDLAND, *Editor*

OCTOBER, 1959

# "CHESHBON"

*Review of Literary and Cultural Activities*

●


רעדאַקציע־ראַט:

**וויליאַם נאַטאַנסאָן און נח גאָלדבערג**


●

מיט רעדאַקציאָנעלע ענינים זיך ווענדן צו:


I. FRIEDLAND

4375 Sunset Drive Los Angeles 27, Calif.


●

מכּוח אַבאָנירן, אָדער באַנייאונג פֿון אייער אַבאָנימענט, ווי אויך וועגן ענינים
פֿון שרייבער קרייז, ווענדעט זיך צום סעקרעטאַר:


A. CHRABOLOWSKY

1312 LYMAN PLACE LOS ANGELES 27, CALIFORNIA


108

# אינהאַלט:


י. פ.: דריטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט — — — — — — — — — 3
ש. ד. זינגער: ה. רויזענבלאַט (אָפּשאַצונג) — — — — — — — — — 5
אלף כץ: „מיט פלי פון אַ ליד" (ליד) — — — — — — — — — — 9
מ. פערלמוטער: „בידך אַפקיד רוחי", „אַ שמאַטע־קלייבער בין" (לידער) — 10
מלכה חפץ־טוזמאַן: „ערד" (ליד) — — — — — — — — — — — — — 11
מאַטעס דייטש: „כאַראַקטעריסטישעס און שטריכן פון שרייבער" (רעצענזיעס) 12
אַבאַ קליגער: „ווי קענסטו זיין נאָך ווייניקער" (ליד) — — — — — — 20
סאָלאָמאָן קאַהאַן: „נסיונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער" (רעצענזיע) — 22
י. מאַניק (חיפה): „זאָל אויפגליען" (ליד) — — — — — — — — — 24
נח גאָלדבערג: „צעריסענע לעבנס" (דערציילונג) — — — — — — — — 25
פינטשע בערמאַן: „איך ווייס" (ליד) — — — — — — — — — — 33
י. פרידלאַנד: „מיט דעם כוח פון פאַנטאַזיע" (עסיי) — — — — — — 34
ל. בערקאָוויטש: „נאָר יענער מעג האָפן" (ליד) — — — — — — — 37
ברכה קודלי: „צו דער האַרף" (ליד) — — — — — — — — — — — 38
ד"ר דוד רעבעלסקי: „לייענענדיק די ביז איצט דערשינענע נומערן „חשבון" 39
רעד.: ד"ר רעבעלסקי ז"ל (נעקראָלאָג) — — — — — — — — — — 43
דניאל פּערסקי: „שרייבערישע פּערזענלעכקייט" (עסיי—יידיש: ש. ע.) — 44
ז. בונין: „אַ חלום" (פּאָעמע) — — — — — — — — — — — — — 45
גאָלדע שלאָסבערג־אַרפין: „בערל סאָט'ס שטעטל" (פאַרצייכענונג) — — 47
בערל סאָט: „שופר בלאָזן" (האַלץ־שניץ) — — — — — — — — — — 48
א. כראַבאַלאָווסקי: „יונגע יידישע שרייבער אין יזכור־בוך ,טשענסטאָכאָוו" 50
ה. ווייזעל: „חלום און וואָר" (ליד) — — — — — — — — — — — 53
יצחק ניומאַן: „דער צדיק קאָמפּלעקס אין די כתבי־קודש (עסיי — — — 54
יצחקי: „מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים" — — — — — — — — 57
א. באַביטש: „פעדער־שפּריצן" — — — — — — — — — — — — 59
משה ווייסמאַן: צום ערשטן יאָרצייט נאָך ש. מיללער (נעקראָלאָג) — — 61
שמואל דאָמניץ: למען תזכור — — — — — — — — — — — — 62
ליטעראַרישע נאָטיצן — נייע ביכער — — — — — — — — — — — 63
33 יאָריקער יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב — — — — — — — 67
רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת־צונאַכטן — — — — — 70
רשימה פון קולטורעלע מאַנטיקן — — — — — — — — — — — — 74
נאָטיצן און באַגריסונגען צום 33 יאָריקן יובל פון קולטור קלוב — — — 79

# דריטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ז״ל



די יאָרצייטן פון אונדזער אומפאַרגעסלעכן דיכטער ה. רויזענבלאַט ווערן דאָ, ביי אונדז אין שטאָט, מיט גרויס יראַת הכבוד אָפּגעהיט. די צייט פון זיין מער נישט זיין מיט אונדז, האָט באין אופן ניט געבראַכט אונדז צו אַ מעמד פון פאַרגעסן אַן אים. די יידיש יידישע לאָס אַנגעלעס איז גייסטיק אָרעמער געוואָרן זינט זיין פּטירה און מיר פילן עס וואָס אַמאָל מער און שטאַרקער. פאַר דעם יידיש-יידישן סעקטאָר איז ער געווען דער פאָטער, דער מדריך, דער „דין״ פון די יידישע שרייבערס; צו זיין וואָרט האָבן מיר אַלע מיט גרויס דרך-ארץ זיך צוגעהערט. ער איז געווען אונדזער שטאָלץ און אונדזער כבוד און באַהויכט מיט זיין חשובער פערזענלעכקייט די קולטור מסיבות פון אונדזערע אָרגאַניזאַציעס ווי: דעם ייוו״א, „יידישער קולטור קלוב״ און ביים אויפנעמען חשובע געסט שריפטשטעלער און דיכטער, ווען זיי זיינען צוגעשוואומען צו אונדזער פּאַציפישן ברעג.

דריי און אַ האַלב-צענדליק יאָר האָט רויזענבלאַט דאָ געלעבט צווישן אונדז, און ער האָט דאָ, קולטורעל, ליטעראַריש און קינסטלעריש אַ סך משפיע געווען מיט זיין פערזענלעכקייט און שעפעריש וואָרט.

פאַר דער יידישער ליטעראַטור איז רויזענבלאַטס נאָמען אין לאַס אַנגעלעס געווען דער אַדרעס.

ניט צו אָפט ווערט אַ שרייבערס נאָמען פאַרגעדענקט, אפילו פון אַזאַ הויך קינסטלערישע מדרגה ווי רויזענבלאַטס; ס'רוב ווערט דער נאָמען, באַלד נאָך דער פטירה, כמעט ווי פאַרגעסן. די גרויסע ליבע צו רויזענבלאַטן פון זיינע לייענער און פאַרערער, האָבן נאָך ביי זיין לעבן געגרינדעט און מיט חשיבות אָנגעהאַלטן אַ לייען-קרייז אויף זיין נאָמען; אַ רויזענבלאַט אָפּטייל אין דער ביבליאָטעק פון יידישן קולטור-קלוב און לעצטנס האָט זיך אויך געגרינדעט אַ ה. רויזענבלאַט צווייג פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד.

ביי די יאָרצייטן פון ה. רויזענבלאַטן ווערט גערעדט און געלייענט פון זיינע שאַפונגען, און אויך דער „חשבון" ווערט יאָרצייטלעך אים געווידמעט. ס'איז אונדזער אַלעמענס טרייסט, אַז מיר קענען ניט און ווען ניט אונדזער ליבן דיכטער און גוטן חבר פאַרגעסן.

כבוד זיין ליכטיקן אָנדענק.

י. פּ.

---

ש. ד. זינגער *)

# ה. רויזענבלאַט

(צום דריטן יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ז"ל)

ה. רויזענבלאַט האָט אונדז תמיד פאַראינטערעסירט מיט זיין מיטגיין מיטן יידישן ליד, מיט זיין כסדרדיקן זיך איינהערן צו די ייִנגערע דיכטער וואָס זיינען געקומען נאָך אים. בדרך כלל טרעפט אַזוינס גאָר זעלטן. ס'רוב עלטערע פּאָעטן בלייבן פאַרעקשנט ביי זייער אָנהייב, ביי זייער נוסח, אין וועלכן זיי האַלטן זיך ס'גאַנצע לעבן, מ'זאָל זיי, חלילה, נישט פאַרבייטן אויף עמיצן אַנדערש. אַזוי איז א. ליעסין פאַרבליבן ביי זיין ליטוויש-לומדישן נוסח. אברהם רייזענס לעצטע לידער טראָגן אין זיך דעם זעלביקן שפּראַכלעכן לבוש פון זיינע ערשטע לידער, מיטן ליטווישן חכמהדיקן זאָג און מוסר-השכל, ווי אין זיין אָנהייב. אייך י. ל. פּרץ האָט געהאַט דעם גרויסן כוח כסדר זיך צו באַנייען, צו עקספּערימענטירן אין דער פּראָזע, אין די ראָמאַנסן און באַלאַדעס. פּרץ האָט, ווי אַ טייל דיכטער, אָפט געבאָרגט מאָטיוון פון אַנדערע. ער האָט אָבער באַוויזן, אפילו די פרעמדסטע מאָטיוון צו פאַרהיימישן, אויף אַן אייגענעם אופן, אין זיין אייגן יידיש-פּוילישן לשון.

---

*) ש. ד. זינגער, באַוואוסטער ליטעראַטור קריטיקער און עסייאיסט, איז דער מחבר פון אַן אינטערעסאַנט ווערק: „דיכטער און פּראָזאַאיקער" (עסייען וועגן שרייבער און ביכער) וואָס איז הייַ־יאָר דערשינען אין ניו־יאָרק.

ה. רויזענבלאַט האָט אונדז אָפּט דערמאָנט אין יהואָשן. אויך יהואָש האָט באַוויזן יונג צו ווערן אין ליד ערשט אין די רייפע יאָרן פון זיין לעבן. ער האָט אפילו באַוויזן פאַראויסצולויפן די מאָדערנע שבמאָדערנע. יהואָש איז אָפט געווען אַ מוסטער, מיט זיין חכמה, מיט זיין „ווייזהייט" און פרייען פערז, פאַר די יונגערע דיכטער, וואָס האָבן אין אים געזען זייער רבין.

אין זיין מיטגיין און אין זיין איינהערן זיך צום נייעם יידישן ליד האָט רויזענבלאַט באַוויזן וויפיל כוח יידיש פאַרמאָגט, אפילו דאָ הי, אויף דעם שטיי־נערנעם באָדן פון אונדזער יידישער אַמעריקע. לאָמיר געדענקען, אַז רויזענבלאַט איז אַהער געקומען אַ ייִנגל פון צוועלף יאָר. און דאָך האָט ער באַוויזן אויפצוהיטן אין זיך זיין היימישן אוקראַאינער יידיש, ווי זעלטן ווער זיינס גלייכן. דערביי איז אויך גרינג צו דערקענען אין ה. רויזענבלאַטס לידער די ענדערונג, די שפּראַכלעכע שינויים, און דעם גאַנג צו פשטות בכלל, אין דער יידישער פּאָעזיע פאַר די לעצטע דריי־פיר צענדליק יאָר.

עס זיינען טיף געלעגן באַהאַלטן אין דעם דיכטערס זכרון זכרונות און בילדער. מיט זיין כסדרדיקן זיך צופּאַסן, מיט זיין וואַכן געהער האָט רויזענבלאַט אויפגעכאַפּט די נייע קלאַנגען פון יידישן ליד און פון אַלט־נייע אידיאָמען. ער האָט תחילת נישט געוואָגט די דאָזיקע יוגנטלעכע זכרונות צו געשטאַלטיקן. עס איז געווען אַן ענין פון יאָ מעגן — אָדער נישט. נאָר וויבאַלד דער ייִנגערער דור דיכטער האָט מיט אַזאַ שטיפערישער לייכטקייט געזונגען כמעט זיינע מאָטיוון; ווי באַלד עס איז געוואָרן אין דער מאָדע צוריקצוגיין צו די קינדער־יאָרן און צום אייגענעם קוואַל פון יידישן פאָלקס־ליד, האָט דער אַלטער געפּאָלגט די יונגע פרייע אייניקלעך, און אויף דאָס ביי זיך דערמאָנט אין די אייגענע דמיונות און האַלב־פאַרגעסענע שטימונגען:

„אָ, גאָט מיין האַר, צינד אָן אַ ליכט אין מיין זכרון,
און פיר מיך צוריק צום שאָטנלאַנד פון יאָרן."

די דאָזיקע תפילה איז דעם דיכטער אויף אַן אמת דערהערט געוואָרן ערשט אויף די עלטערע יאָרן...

אין דעם לידער־בוך „אָדמס קינדער" דערקענט מען באַזונדער אָט־דעם אויפגעוואַכטן פּאָעטישן כוח ביי דעם עלטערן ה. רויזענבלאַט, וואָס איז, קען מען זאָגן, אינספּירירט געוואָרן פון דעם יונגן איציק מאַנגערן — אים צו לענגערע יאָרן — און זיינע „חומש־לידער." אַוודאי זיינען רויזענבלאַטס חומש־מאָטיוון היפּש אַנדערש פון מאַנגערס זינגענדיק־שטיפערישע און באַנייטע, הויך־קינסט־לערישע, חומש מעשיות. אָבער אויך רויזענבלאַטס „אָדמס קינדער" לעבן אויף די היימישע לאַנדשאַפטן פון דעם יידיש־אוקראַאינער שטעטל, אין גלות — ווי ביי מאַנגערן — די רומענישע. און די חומש־געשטאַלטן ווערן אונדז אויך דאָ נאָענט און היימיש:

„און נאַכט אויף נאַכט, האָט זיך אַברהם אַ טריבער איינגעהערט
צום זיפצן פון דעם גראָז און פעלד פאַר שרהס הייל,
צום שטילן קלאָגן פון דיביימער און דעם ווינט,

צום טרויער פון דיין אייגן הארץ, וואָס שפּינט
דעם גרויען פאָדעם פון דיין לעצטער שעה,
און צו דער איינזאַמקייט, וואָס האָט צו אים גערעדט
און אים דערמאָנט אַז שרה איז ניטאָ״. . .

אויך ביי רויזענבלאַטן קומט דער זיידע אַברהם אונדז פאָר ווי אַ היימישער ייד, אַן אַלמן, וואָס מיר געדענקען פון אונדזער היימיש יידיש שטעטל אין פוילן...

דער זקן הדיכטער, ה. רויזענבלאַט, האָט באַוויזן רייף צו ווערן אין ליד דווקא „אין שענסטן טאָג פון האַרבסט.״ דאָס דאָזיקע האַרבסט־בוך פאַרמאָגט דעם פרישן לעבעדיקן אָטעם פון פרילינג. און „לאוו כל אָדם זוכה״, נישט יעדערער פון די עלטערע דיכטער ביי אונדז, און נישט נאָר ביי אונדז, האָבן זוכה געווען אויף דער עלטער זיך צו באַנייען און יונג ווערן אין ליד ווי ה. רויזענבלאַט ע״ה.

מיר האָבן אים געגלויבט ווען ער האָט אונדז דערציילט פון זיינע שטרויכלונגען, פון די „מאָגערע זאַנגען״ פון זיינע לידער אַמאָל, אין די יונגע יאָרן:

„איך האָב געאַקערט און פאַרזייט
די ערשטע לידער מיינע.
די זריעה האָב איך מיטגעבראַכט
מיט זיך פון אוקראַאינע:

די ערשטע לידער זיינען פרי
אין פרילינג אויפגעגאַנגען,
נאָר זאַמדיק איז געווען די ערד
און מאָגער מיינע זאַנגען.״

אין תוך גייט דורך דעם דאָזיקן שווערן וועג, צום לויטערן ביסל אייגנס, יעדער שעפערישער יחיד. אויך דער וואָס איז געבענטשט מיט טאַלאַנט מוז זיך ראַנגלען מיט זיין מלאך, ווי אַמאָל אונדזער פאָטער יעקב ביים טייך יבוק, ביז ער קומט ביי די ראַנגלענישן, ביז דאָס וואָרט פאָלגט אים און ווערט אייגן, ווערט דעם שרייבערס אייגענער נוסח.

די ענדערונגען צום גוטן אין רויזענבלאַטס לידער זיינען געקומען מדרגה־ווייז. נאָך די סענטימענטאַלע ראָמאַנסן, געשריבן אָנהייב צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, האָט רויזענבלאַט שפּעטער אָנגעהויבן, חוץ זינגען — אויך דערציילן; ניט אין פּראָזע, נאָר אין ברייטע עפּישע שורות. און דערציילט האָט ער פון זיין אייגן לעבן דאָ אין דער נייער וועלט. צו י.י. שוואַרצ׳ס „קענטאַקי״, וואָס דערציילט פון אַ נייעם יידיש־אַמעריקאַנער „אלה־תולדות״, פון אַ ייד דזשאָשואַ און זיינע הויז־געזינדן; צו ראַבאָיס יידישע פּריירי־מעשיות, פון דער וויטער וועסט, איז דורך רויזענבלאַטס אויטאָביאָגראַפישע פּאָעמעס געשטאַלטיקט געוואָרן דער אַמאַליקער יידישער אימיגראַנטן־דור פון בראָנזוויל, און דער צווייטער דור נאָך אים, וואָס איז געוואָרן אַ תושב אין די שטעט און שטעטלעך ביים פּאַסיפישן ברעג, אין דער זוניקער קאַליפאָרניע. דאָך, צוזאַמען מיט דער היגער לאַנדשאַפט, איז אויפגעגאַנגען אין אים די אַמאַליקע היים פון זיינע קינדער־יאָרן:

„עס איז ניט שייך געדענקען דאָס, וואָס דו האָסט פאַרגעסן,
וואָס ליכטיקער עס איז דער שניי, אַלץ גרינער די ציפּרעסן;
וואָס וויטער איך דערווייטער זיך פון מיינע קינדער־יאָרן,
אַלץ גרינער, גרינער ווערן זיי ביי מיר אין זכרון.״..

דאָס ייִנגל חײמל איז, צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע און דער משפּחה, אַנטלאָפֿן פֿון אוקראַאינע, אין פּחד פֿון די פּאָגראָמען, אין די אַכציקער יאָרן. דאָך קען דער דיכטער די הײם זײַנע נישט פֿאַרגעסן:

„איך װעל דיך קײנמאָל ניט פֿאַרגעסן,
כאָטש דו ביסט מיר אַ שטיפֿמאַמע געװען,
מײַן גרױסע, רײַפֿע אוקראַאינער ערד.״..

אָדער:

„איך בין דײַן זון, דעם מילנערס זון,
און פּראָסט װי דו און דײַנע.
מײַן לשון ברײט — פּאָדאָליער סטעפּ,
און פּשוט, װי אוקראַאינע.״

און אַזױ דערמאָנענדיק זיך איז ה. ראָזענבלאַט דערגאַנגען צום סאַמע אור־שפּרונג פֿון װאָרט, און די פּשטות אין ליד װאָס װעט בלײַבן לדורות אין דער ייִדישער פּאָעזיע :

„איך האָב אַלײן זיך אין אַ װאָרט
פֿאַרשלאָסן און פֿאַרריגלט,
און װעל לדורות בלײַבן דאָרט
אַ שטומער סוד פֿאַרזיגלט.״

ה. רױזענבלאַט האָט תּחילת גאָרנישט געװאָלט מרעיש־עולם־זײַן מיט זײַן ליד; נישט לערנען און נישט אױסבעסערן די װעלט, װי די מאָדע איז דעמאָלט געװען, אין די סוף נײַנציקער און אין די ערשטע יאָרן פֿון צװאַנציקסטן יאָר־הונדערט. דערפֿאַר האָבן אים די קריטיקער דעמאָלט נישט געשענקט צופֿיל ליבע. אַזאַ איז שױן דאָס מזל פֿון די דיכטער, װאָס באַװײַזן זיך אפֿשר צו פֿרי אין די יאָרן װען אײן תּקופֿה געזעגנט זיך מיט דער צװײטער. די יונגערע דיכטערס, די פֿון אײראָפּע אײַנגעװאַנדערטע מיט די אײַנפֿלוסן פֿון דער דײַטשישער און רוסישער פּאָעזיע — זײ איז דער אַמעריקאַנער רױזענבלאַט געװען פֿרעמד. די השפּעה פֿון דער ענגלישער און אַמעריקאַנער דיכטונג, װאָס מ׳האָט שטאַרק געפֿילט אין רױזענבלאַטס ערשטע לידער, האָבן די „יונגע״ דעמאָלט געהאַלטן פֿאַר אַ חסרון. ערשט שפּעטער איז פֿאָרגעקומען אַן ענדערונג אױך אין דעם פּרט. סײַ װי — מיט די אױטאָביאָגראַפֿישע, הײמישע זכרונות האָט רױזענבלאַט גע־עפֿנט פֿאַר זיך דעם װעג צו אַלע לײענער. מ׳האָט זיך דערמאָנט, אַז אין תּוך איז ער אַלע יאָרן געװען דער שטילער, ראָמאַנטישער דיכטער, דער װאָס זעט אין אַלץ דאָס גוטע און שײנע, און מ׳איז מוחל געװען די באַפֿליגלטע, סענטי־מענטאַלע ראָמאַנסן פֿון דעם שפּאַנען „אױף אַ װעג אַ שטילן און אַן אײנזאַמען,״ כאָטש די צײַט איז דעמאָלט גאָרנישט געװען אַזאַ שטילע . . .

שפּאַנען אַלײן, פֿון קײנעם נישט געמוטיקט, נישט פֿון זײַנע קאָלעגן, און װײניקער נאָך פֿון די יונגערע — דאָס איז געװען דער ביטערער גורל פֿון דעם דיכטער. אָבער ה. רױזענבלאַט האָט דאָך באַװיזן, אין זײַן אײנזאַמען שפּאַנען און בלאָנדזשען, צו דערגײן צו אַזאַ שלמות אין ליד, װאָס נישט אַלע דיכטערס זײַנען זוכה.

אַלף כּץ

# מיט פּלי פון אַ ליד

פונקט ווי דער זינגער — מיט לירישע קלאַנגען,
דער מאָלער — מיט פאַרבן אויף לייוונט געפאַנגען,
דער טענצער — מיט טאַקטן און איידעלע טריט,
איך וויל דאָ אַצינדער — מיט פּלי פון אַ ליד
פון פשוטע ווערטער, ווי ליכט פון באַגינען
צו אייערע הערצער אַ שליסל געפינען.

שטיי איך און טראַכט און איך זוך אין זכרון
אַ רגע פון אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן
און אָנצינדן וויל איך אין איר אַזאַ פלאַם,
וואָס זאָל אונדז באַלייכטן דעם וועג אויפן ים
און ברענגען אַ טרייסט, ווי דאָס אויג פון אַ טורעם
צינדט־אָן ביי אַ שיף אין די נעגל פון שטורעם.

יעדער פון אונדז האָט אַ רגע אין לעבן,
וואָס ווערט אים פון העכערן חסד געגעבן
צו העלפן פאַרטראָגן די ביטערע גאָב,
ווען אַלץ פאַלט ביי אים מיט דער פוטער אַראָפּ,
זיין האַרץ ווערט אין שטויב אָן רחמנות געטראָטן,
אַז גאָט זאָל געווינען זיין קאַמף מיטן שטן.

איינציק ביי יעדן איז זי און פאַרשיידן,
און טוט זיך אין אַנדערע ווערטער פאַרקליידן,
די ליכטיקע רגע פון היילונג און טרייסט,
און ווער עס דערקענט זי, דערפילט שוין און ווייסט
דעם פינגער פון גאָט און דעם ליכטיקן ציטער,
וואָס נעמט אים אַרום אין דער שעה פון געוויטער.

רוף איך דעריבער צו אייך און איך בעט אייך,
פאַרקלענערן העלפט מיר אַצינדער דעם שטח
פון ווייטקייט וואָס שיידט אייך פאַנאַנדער פון מיר.
אַריינקוקן לאָמיר אַציִנד דורך דער טיר
פון אונדזערע טיפע פאַרבאָרגענע קוואַלן,
און באַלד וועט פאַר אייך דאָ מיין ליד זיך צעשטראַלן.

אָט איז עס, איר זעט, ווי עס שוועבט מיט די פליגל
און פליט ווי אַ חלום אַרום אין אַ שפּיגל.
און דאָס איז די ליבסטע פאַרהאָפטע מינוט,
וואָס שווימט ביי דעם דיכטער אַרום אין זיין בלוט —
מיט פּשוטע ווערטער, ווי ליכט פון באַגינען,
צו אייערע הערצער אַ שליסל געפינען.

מ. פּערלמוטער

## בידך אַפקיד רוחי

מיט דיין ליבן נאָמען
אויף די ליפּן
טו איך מיינע זאָמען
איבערזיפּן . . .

מיט דיין ליבן נאָמען
אין מיין רעיון
טו איך מיין נשמה
דיר אַנטלייען. . .

מיט דיין ליבן נאָמען
אויף מיין גומען
טו איך זאָגן אָמן
און פאַרשטומען. . .

## אַ שמאַטע קלייבער בין

פון אויסדערוויילטן וועג
בין מוטוויליק אַראָפּ;
דאָס אָפּגעשפּאָרט פאַרמעג
אויף גיך צעטרענצלט האָב. . .

אַ שמאַטע קלייבער בין
איצט אויפן ברייטן שליאַך:
ס'נעמט צו וואָס איך געפין
דעם אַלטן קעניגס וואַך. . .

און טרעפט — אַביסל מינץ
פאַרוואַלגערט זיך אין טאַש:
דער אינקאָגניטאָ-פּרינץ
צעפּטרט עס אויף אַש . . .

**מלכה חפץ־טוזמאַן**

# ע ר ד

ערד,
מיין בעז האָט פאַרבליט
און דורכנעמיק זים איז דיין פייכטקייט
אַרום מיינע באָרוועסע טריט.

איך גאַף ביי דיין שלמות און חידוש
ווי חוה אין ערשטן פאַרבליף.
איך וויג זיך אין אָפּדאַכט פון ליבשאַפט
אין שויס פון דיין טיף.

איך גריבל די פּיאַטעס און וואָרצל אַרונטער,
אַרונטער.
דו נעמסט מיך אַריין און
דיין טונקל ווערט צונטער.
אין הויך פון דיין אָטעם רחבותדיק, ברוסטיק
גיי איך אויף און
ווער גלוסטיק.

אורקראַפט שלאָגט אויף אין די אָדערן שפּיזיק
און קרייצט אַ געשטייג —
איך ווער ריזיק
און פליגל מיין דמיון ביז הימל אַריבער, אַריבער.
וועלט-עקן שאַלן,
רופן זיך איבער.

איך וואקס!
מיין פלאַמיקע קרוין וועט באַלד גרייכן,
דערגרייכן
אומגלויבלעכע, אימהקע הייכן.
פּלוצעם
דערפיל איך אַ טואונג אַ גרויסע נ׳דיין אינער
און איך
ווער אַלץ מינער,
אַלץ מינער,
אַלץ מינער.

• צו דער דערשיינונג פון דער דיכטערינס ניי בוך לידער „מילד מיין ווילד״ ברענגען מיר דאָס ליד פון דעם בוך. (רעד.)

אָט איז עס, איר זעט, ווי עס שוועבט מיט די פליגל
און פליט ווי אַ חלום אַרום אין אַ שפּיגל.
און דאָס איז די ליבסטע פאַרהאַפּטע מינוט,
וואָס שווימט ביי דעם דיכטער אַרום אין זיין בלוט —
מיט פּשוטע ווערטער, ווי ליכט פון באַגינען,
צו אייערע הערצער אַ שליסל געפינען.

מ. פּערלמוטער

## בידך אַפקיד רוחי

מיט דיין ליבן נאָמען
אויף די ליפּן
טו איך מיינע זאָמען
איבערזיפּן . . .

מיט דיין ליבן נאָמען
אין מיין רעיון
טו איך מיין נשמה
דיר אַנטלייען. . .

מיט דיין ליבן נאָמען
אויף מיין גומען
טו איך זאָגן אָמן
און פאַרשטומען. . .

## אַ שמאַטע קלייבער בין

פון אויסדערוויילטן וועג
בין מוטוויליק אַראָפּ ;
דאָס אָפּגעשפּאָרט פאַרמעג
אויף גיך צעטרענצלט האָב. . .

אַ שמאַטע קלייבער בין
איצט אויפן ברייטן שליאַך:
ס׳נעמט צו וואָס איך געפין
דעם אַלטן קעניגס וואַך. . .

און טרעפט — אַביסל מינץ
פאַרוואַלגערט זיך אין טאַש:
דער אינקאָגניטאָ-פּרינץ
צעפּטרט עס אויף אַש . . .

**מלכה חפץ־טוזמאַן**

# ע ר ד

ערד,
מיין בעז האָט פֿאַרבליט
און דורכנעמיק זיס איז דיין פֿייכטקייט
אַרום מיינע באָרוועסע טריט.

איך גאַף ביי דיין שלמות און חידוש
ווי חוה אין ערשטן פֿאַרבליף.
איך וויג זיך אין אָפּדאַכט פֿון ליבשאַפֿט
אין שויס פֿון דיין טיף.

איך גריבל די פּיאַטעס און וואָרצל אַרונטער,
אַרונטער.
דו נעמסט מיך אַריין און
דיין טונקל ווערט צונטער.
אין הויך פֿון דיין אָטעם רחבותדיק, ברוסטיק
גיי איך אויף און
ווער גלוסטיק.

אורקראַפֿט שלאָגט אויף אין די אָדערן שפּיזיק
און קרייצט אַ געשטייג —
איך ווער ריזיק
און פֿליגל מיין דמיון ביז הימל אַריבער, אַריבער.
וועלט־עקן שאַלן,
רופֿן זיך איבער.

איך וואַקס!
מיין פֿלאַמיקע קרוין וועט באַלד גרייכן,
דערגרייכן
אומגלויבלעכע, אומהקע הייכן.
פּלוצעם
דערפֿיל איך אַ טוואונג אַ גרויסע נ׳דיין אינער
און איך
ווער אַלץ מינער,
אַלץ מינער,
אַלץ מינער.

---

• צו דער דערשיינונג פֿון דער דיכטערינס ניי בוך לידער „מילד מיין ווילד״ ברענגען מיר דאָס ליד פֿון דעם בוך. (רעד.)

מאַטעס דייטש

# כאַראַקטעריסטישעס און שטריכן פון שרייבער

## מנשה אונגער — די פּאָעזיע פון חסידות

אַלע ביכער פון מנשה אונגער זיינען געשריבן אין אַ קלאָר פאָלקס־לשון, מחמת חסידות איז פאָלקיש — ס׳האַרץ און נשמה פון פאָלק.

צו שרייבן וועגן מנשהן, מיינט זיך אונטערגאַרטלען די לענדן, ווייל ער איז ניט איינער אינעם שאַפן זיינע ווערק, נייערט — אַ מזומן איז ער: דער כראָניקער, דער ביאָגראַף און היסטאָריקער. און גלייך ביים סאַמע אָנהייב פון מיין כאַראַקטעריסטישער סקיצע וועגן מנשהן, ווילט זיך פאַקטיזירן אַ דבר־שורש: לגבי אַנדערע פאָרשערס און היסטאָריקערס איז מנשה דער יאָדער, דער אינעווייניקסטער קערן, בעת די אַנדערע זיינע דרויסנדיקע קאָנטראַליאָרן. ער גיט אונדז דעם סאַמע מקור, דעם קוואַל־חיים פון חסידות; און אַ קוואַל, כידוע, ציט צו צו זיך. האַלט דעם מענטשן נאָענט לעם זיך; און בשעתן טרינקען פון דעם קוואַל מוז מען זיך אַראָפּלאָזן אויף אַלע פיר; באַרירן אים מיטן פּנים און מיט לעכצנדיקע, דורשטיקע ליפּן...

אַוודאי זיינען מיר שוין, לגנאי, זיך אָפּגעוואוינט צו טרינקען פון די עכטע קוואַלן, מיר שטייען היפּש ווייט פון זיי; אפילו דער וואַסערקוואַל איז ווייט פון אונדז — דורך מעטאַלענע רערן, וואָס ציען זיך מיילן ווייט, טרינקען מיר דאָס וואַסער. און אַזוי איז מיט אַלע קוואַלן, סיי פיזישע און סיי גייסטיקע. בלויז יחידי־סגולה איז באַשערט צו טרינקען פון זיי — די קינסטלער פאַלן צו צו זיי ווען זיי נויטיקן זיך צו באַנייען און דערפרישן.

אָט־די קוואַלנדיקע אוצרות ברענגט אונדז מנשה מיט זיינע ווערק: „חסידות און לעבן", „די חסידישע וועלט", „חסידות און יום־טוב" און גם כן מיט די אַנדערע ווערק זיינע; און דעריבער איז ער גאָר דער גאַנצער קוואַל מיט אַלע לעבעדיקע רמ"ח אברים, מיט האַרץ און נשמה פון וואַנען עס שטראָמט התלהבות, שמחה, חדווה — דער אָפּטימיזם פון אַ דערהויבן פאָלק.

מיט איין וואָרט: מנשה איז די פּאָעזיע פון חסידות.

און מיט אַ צווייט וואָרט: מנשה איז דער אַרכעאָלאָג פון חסידישער קולטור. וועט מען דאָך פרעגן תמימותדיק צי אַפּיקורסותדיק: וואָס איז די גדולה מיט אַן אַרכעאָלאָג? אַז אַלץ איז פאַר אים פון כמה וכמה יאָר־הונדערטער שוין פאַרגרייט געוואָרן פאַר אים?

איז טאַקע זייער ריכטיק, ריכטיק און אמתדיק; אָבער מע דאַרף קאָנען גראָבן טיף, דער עיקר — אַרויסלייענען און אַרויסלערנען פון דער טיפער טיפעניש; פון די תלי־תלים של המינים אוצרות; און מנשה איז דער אינעווייניקסטער מומחה, דער בעל־החסידות וואָס איז געבאָרן געוואָרן פון די לעבעדיקע פונקען פון דער חסידישער דיך אַרויס, זאַמלט ער אַרויס פון די אַלע שיכטן, פלאַסטן וואָס האָט זיך אָפּגעזעצט אין יידישן פאָלקסלעבן און ער ברענגט צו אונדז די גרויסע קולטור־ווערטן.

און מנשה איז דער באַרופענער מאַן דערפאַר, דער איש הרוח פון דער חסידישער וועלט, פון איר אימפעריע.

ווען מע זאָל דעם נאָמען מ נ ש ה איבערטײַשן די ש י ן פאַר דער נ ו ן, וואָלט דער טייטש געווען — מ ש נ ה.

איך זאָג עס קעגן דעם, ווי ריין און אָפּגעהיט ער איז אין זיין אַרבעט; אַז ער ברענגט אַ זאָג, אַ תורה־ווערטל פון אַ רבין, אַ ציטאַט פון אַן אייגנאַרטיק פּשטל אויף אַ פּסוק פון דער תורה, לאָזט ער אונז ניט שטיין אויסגווייניק, נאָר אַדרבא, ער נעמט אונדז גלייך אַריין אין די חדרים פון וואַנען ער קומט; ער גיט אָן דעם ספר, דעם רבין און דעם דף מיטן נומער וואו עס געפינט זיך.

בלייבט ער טאַקע אויטענטיש באַגלויבט.

און כאָטש חסידות איז אויפגעקומען אין די גלות־לענדער, אויף דער גוי־אישער ערד, פונדעסטוועגן איז זיין כוח געווען אין לשער פון זיין השפעה אין די אַלע לענדערייען; שוין מיט דעם אַליין וואָס די חסידישע רביים, די פאָלקס־צדיקים, האָבן זיך איינגעבאָקן אין האַרצן ביים פאָלקס־מענטש און געוואָרצלט דאָרט ניט בלויז מיט זייערע יראת־הכבודיקע נעמען אַליין, נאָר סע האָבן זיך אויך אין אים איינגעקריצט די וואונערטער פון די רביים; די שטעט זיינען מיט גרויס פיעטעט פאַריידישט געוואָרן: דער מעזשביזשער, דער בראַצלאַווער, דער קאָצקער, דער טאַלנער און די גרויסע צאָל אַנדערע שטעט וואָס האָבן געווימלט מיט יידישן נחת און גדולה ביד חזקה, ממש!

און דאָך, איז חסידות אין זיין פולסטער גדולה, נעגירט געוואָרן. מיט חוזק האָט די השכלה אים געוואָלט פאַרלייקענען זיין ווערט פאַרן פאָלקסמענטש און דערפאַר טאַקע איז חסידות בשעתו ניט אָפּגעשאַצט געוואָרן ריכטיק און מיט פיל בלאָטע פאַרוואָרפן געוואָרן.

אָבער חסידות איז געגליכן צו אַ שלענדערל, אַ פלאַנץ־וויקעלע, בפרט דער מין בעבלעך און סטרוצקעס; צו זיי מוז מען גאָר אונטערשטעלן אַ פלאָקן כדי זיי זאָלן האָבן די מעגלעכקייט זיך קלעטערן אַרויפצו. נו, פאַרשטייט זיך, דאָס קלעטערן איז — חסידות; השכלה — דער פלאָקן.

און מערקווירדיק: ביידע האָט מען אַריינגעשטופּט אין דער ערד אַריין; ביידע האָבן געהאַט דעם זעלבן חלק זון, רעגן, ווינט און לבנה מיט שטערן — איין קלימאַט פאַרביידן.

חסידות איז אויסגעוואַקסן און געגעבן פירות אין פולסטער גערעטעניש, און די השכלה — געבליבן איז אַ טרוקענער פלאָקן . . .

און נאָר דערפאַר ווייל חסידות האָט זיך געהאַלטן מיטן פאָלק, האָט פיל געזויגן פון זיין האַרצנס פאַרלאַנגען, האָט ער געקראָגן זריעה, פאָלקישע זריעה און ער האָט געהאַט פון וואָס און צוליב וואָס אויסוואַקסן פרוכפּערדיק.

די השכלה ווידער, איז געווען אָן פאָלקישער זריעה, נאָר איז געקומען צו אויפגעשרויפט אויפגעקלערט, פון יחידים פאַר יחדים, איז זי ניט געוואַקסן.

נאָך אַ סיבה:

דווקא די השכלה איז געווען פול מיט שרעק פאַרן קליינעם שטעטל; פול מיט מורא און בושה פאַר די גויים און געוואָלט וועלטלעכקייט ככל־הגויים, און „למה רגשו גויים" זיינען געווען די קלאַפּערלעך אויף זייערע שילדן וואָס האָבן

געקלאַפּט טרעוואָגן קעגן דער קליינשטעטלדיקייט; און דווקא דאָס קליינע שטעטל, אַ דאַנק, דעם, איז אויפגעהאַלטן געוואָרן יידישער נוסח, יידישער שטייגער־לעבן און אייגנאַרטיקייט, איז דווקא מיט דער אידענטישקייט האָט זיך דער משכיל געשעמט פאַר זיך און דער וועלט.

פאַרקערט, חסידות איז געווען אין דעם פּרט פרייער, אוניווערסאַל; האָט גאָר געמאַכט דאָס שטעטל אַלוועלטלעך באַוואוסט און באַרימט אין דער וועלט, מחמת די גרעסטע רביימשע הייף זיינען אויפגעקומען אין די קליינע שטעטלעך. אַדרבא, וואָס פאַר אַ גוי האָט ניט געוואוסט פון טאַלנע, צי פשיסכע? מעזשביזש, צי קאָצק? גער, צי בעלז?

דוד פינסקי האָט אַ דערציילונג, ווי חסידים גייען הינטערן שטאָט און זינגען מיט גרויס התלהבות אַ חסידישן ניגון; הינטער זיי גייט נאָך אַ גוי און ווערט פאַרכאַפּט פון דער מתיקות און הייבט אויך אָן צוערשט פּרעפּלען און דערנאָך מיט גרויס צעפּלאַמטקייט מיטזינגען...

אַזוי איז געווען שטאַרק די חסידישע השפעה אויף איר סביבה. ווייל סע איז דאָך אַ כלל גדול, אַז יעדער מענטש איז אַ שטיקעלע חסיד; אַ חסיד פונעם לעבן איז דאָך סיי ייד און סיי קריסט; ווייל דער איז אַ חסיד וואָס וויל פאַרטרייבן די וואָכיקייט פונעם טרוקענעם לעבן און איינפירן אין איר כולו יום־טוב, פאַר אַלעמען גלייך.

און דאָס האָט אַזוי סאָציאַל אימפּאָנירט דעם פאָלקסמענטש.

די ווערק פון מנשה אונגער האָבן אין זיך אַזאַ שטאַרקן מאַגנעט, זיי האַלטן אין איין צוציען צו זיך דעם לייענער, דעם שרייבער, דעם פּאָעט און דעם קינסט־לער. נאָך מער: איין תורה־זאָג, תורה־ווערטל צי חסידישער וויץ אָדער אַ רבינס וועלט־באַנעם און זיין דערקענען די נויטבאַדערפעניש פון מענטש און וועלט־פירעכצן איז אַזוי קינסטלעריש פאַרכאַפּנדיק, אַז מע קאָן זיי אויסהערן און איבערזאָגן עטלעכע מאָל און יעדער מאָל באַזונדער אויפסניי אַנקוועלן און דער־קוויקט ווערן מיט דער זעלבער פאַרכאַפּטקייט; מחמת אין זיי ליגט אַ סך טרעפ־לעכקייט און חכמה; קינסטלערישע שעפערישקייט — עסטעטיק.

נישט קיין וואונדער וואָס ערשט איצט איז אַ מין רענאַסאַנס בנוגע חסידות און די אַלע נשמה־ליבהאָבער צווישן די אומות העולם זיינען פאַרכאַפּט פון דעם צויבער וואָס חסידות טראָגט אין זיך ווי אַ ליכטיקער שטערן.

נאָר מיר יידן דאַרפן זיך ניט חידושן, ווייל דער קרן־היסוד פון חסידות איז אהבת הבריות, די מענטשן־ליבע געזונגען אינעם העכסטן שיר השירים; דאָס טייערסטע געזאַנג פון מענטש צו מענטש, געזונגען אין אַ פאָלקישן צוזאַמען; אין אַ פאָלקישן איינס, וואָס זיין אינטעגריטעט איז — אחד! יידישע אַחדות צוזאַמען מיט מענטשלעכער אַחדות — אַחדות־העולם און אַחדות־הבורא!

דאָס איז חסידישע אייגנאַרטיקע וועלט־דערקענטעניש; פול מיט פאָלקלאָר, מיט אידיאָמאַטישן לשון הן אין אופן פון מעשה־דערציילערישן עפּאָס און הן פון דער נייער תורה־זאָגן אין פאָלקישן באַנעמלעכן נוסח, וואָס דאָס איז דער עסענץ וואָס האָט אָנגעפילט מיט תוך און מיט זין; מיט בטחון און מיט תכלית, וויאַזוי צו לעבן מיט זיך אין אַ לעבנס־באַנעם וואָס האָט געהאַלטן דעם מענטש

גאַנץ מיט זיך און געשטרעבט צו לעבן בשלימות מיט מיטמענטשן, מיט דער נאַטור — מיט דער אַלוועלטלעכקייט אינעם אוניווערז.

חסידות איז געווען פול מיט מידות טובות: מידות החיים, מידות היום־טוב פון גוף און נשמה, פון אייגענעם נפש און בין אָדם לחברו; און אַוודאי און אַוודאי מיט מידות בין אָדם למקום, צו אים וואָס אין הימל — צו דער העכסטער אַלהעכערקייט פון אידעאַלן.

חסידות האָט אַריינגעבראַכט זיינע באַגריפן און מדרגות פון קונסט־ווערטן; ער האָט געלערנט ווי צו קוקן אויף זאַכן בתוך הנאה און ווי צו זוכה זיין אויפ־צונעמען די וועלט בתוך שמחה — די קונסט פון האַרמאָניע.

נאָר אַ דאַנק די מי פון מנשה אונגערן, וואָס ער לייגט אַריין אין די ווערק זיינע, זיינען מיר ביכולת צו געניסן די חסידישע פּאָעזיע דירעקט פונעם אייביקן קוואַל חסידות, וואָס וועט אייביקן באַגלייך מיטן עם ישראל.

* * *

## שלמה שוואַרץ — דער דיכטער פון בילדלעכע שטימונגען

שלמה שוואַרצ'ס אייגנאַרטיקייט — מע דערקענט זיין ליד; שוין זייער לאַנג אַז סע האָט זיך פּאָעטיש אויסגעשיילט פון זיין אַלגעמיינעם נאָכדיכטן בעת זיין יוגנטלעכן אָנקום אין דער יידישער פּאָעזיע. איצט איז ער אַ שם־דבר, אַן אייגענע פירמע; דאָס ווייסן גאַנץ באַשטימט זיינע קאָלעגן, וועלכע זיינען אַסאָציאירט מיט אים אין איין און דערזעלבער ריכטונג און אויך דער גאַנצער דור וואָס טרעפט אים אָן אויף די זיילן פון פאַרשיידענע זשורנאַלן.

דער דערקען־צייכן אין זיינע לידער, איז בפירוש אָט־דער־אָ וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט פאַרמישן, אין סטיל־גלייכקייט מיט אַנדערע לידער. ער אפערירט בעזרת הפערז אין היפוך מיט די מערסטע פּאָעטן. ער איז סינקאָפּאַטיש־מאַלעריש אין געשלידערדיקן פערז, מעטאַפאָריש און יחידותדיק פּאָעטיש אויף דער גאַמע פון אַ היינט־דענקעוודיקן דיכטער פון דער מעטראָפּאַליע.

ס'איז אמת אַז די אָפיציעלע קריטיק (אָט־די וואָס דאַרף אַוודאי כאָוועץ און איינתושבן ניי־צוגעקומענע טאַלאַנטן), איז אים בפירוש שולדיק איר חוב; נאָר אָפּצאָלן אים, איר מיינונג, איז זי שוין ניט בכוח. זי האָט זיך שטאַרק פאַר־שפעטיקט, וועט זי שוין ניט קענען לייכט אָניאָגן דעם פּאַראַלעל פון זיין שוואונג אין ליד וואָס איז אַזוי פלאַטערדיק און יונגשאַפטיק מיט אויפגעריסענעם וואָרט און ריטם מיטן אומרו פון דער שטימונגספולער קאַפּריציטעט וואָס שטרייכט אונטער זיין ספּעציפישע אָרנאַמענטיק אין וועלכער ער גיט איבער זיין בלוי־יידישע בענקשאַפט, וואָס מאַכט אים צו זיין אפילו חסידותדיק פאַרליבט אין איר און דער עיקר — פּאָעטיש אָנגערעגט, צערעגנט, וואָלט איך זאָגן, מיט סינקאָפּאַ־טיש יידישע אַקאָרדן וואָס „בראָדקעסטן" זיך צו אים אין ירושהדיק־קלאַנגישן וואָרטאַל פון דורות: לויט דער מאָס פון באַשערטקייט אָדער די גאָב פון אינ־טואיציע;ביידע ברענגען אים סיי דבקות, סיי התלהבות.

דערפֿאַר איז יעדע ליד ביי אים אויפֿן אונטערטאָן פֿון יידישער מרה־שחורה וואָס רייצט זיך מיט זיין סענסיביליטעט אינעם סאַמע ווירוואַר פֿון דער מעטראָ־פּאָליע, וואָס זיי צוזאַמען שאַפֿן אַ מין „ראַפּסאָדיע אין בלו.“

זיין ליד האָט אין זיך די סאַקסאָפֿאָנישקייט וואָס שרייט אַרויס אין גוירש־ווינ׳ס מוזיק. סע איז פֿול מיט פֿריידיקער טעמפּאָ און דאָך אַרומגערוישט מיט אַ טראַגישן שלוכצן וואָס דערוועקט זיך בלויז אין דער מעטראָפּאָלישער שפּעטער נאַכט־שעה פֿון קאַבאַרעט־מוזיק וואָס איז אין געראַנגל מיט מידע כוחות פֿון אַלערליי קאַלאַריטן און קאַלאַריטמען.

אַזוי איז דער מהות פֿון שלמה שוואַרצ׳ס ליד — יידיש־אַמעריקאַנאַ.

די קריטיק איז אים ניט אַקעגן געקומען. נו, מילא; האָט ער זיך אַליין פֿאַרקערבט מיט זיין ליד אין דער יידיש־אַמעריקאַנער פּאָעזיע און ער וואַקסט אַרויפֿצו ביז דער סאַמע פֿערזליכטיקייט פֿון אונדזער דור. ער וועט אויך, אָן ספֿק, איבערלאָזן אַ סך שפּורן — אפֿשר מער — ווערק מיט אַ סך יידיש־פּסיכישע ווערטן. שלמה שוואַרץ און זיין פּאָעטישע מי צירקולירן לידיש.

געווען אויך אַזאַ צייט ביי ש. ש. וואָס ער האָט אָנגעהויבן ווערן אַן אָפּ־טריניקער פֿון יידיש־שאַפֿן (אַוועק צו ענגליש). נאָר אַ דאַנק די השפּעה פֿון לעיעלעסן, איז ענגליש געבליבן ווי אַ פֿלירט, אַ ביוויל; וואָרן, סוף־כל־סוף קלינגט יידיש אַלעמאָל צו אים מיט דעם טיפֿערן, נאָענטערן און עקשנותדיקן רוף.

און עקשנות הויערט אין זיין געמיט און אין זיין טעמפּעראַמענט וואָס נאָר זעלטענע דיכטער באַזיצן.

די יידישע דיכטונג האָט פֿאַר אים די זעלבע מאַגיק וואָס די שטאָט ירושלים האָט פֿאַר יידן; עס זינגט תמיד אין די אויערן זייערע דער ותשכון בתוכה... שלמה שוואַרץ טוט גרינטלעך וואוינען אינעם האַרץ פֿון דעם יידיש־פּאָעטישן שאַפֿן.

בלעטערנדיק אַ יוגנט־אַנטאָלאָגיע וואָס אַ גרופּע אין שיקאַגע האָט אַרויס־געגעבן מיט אַן ערך 29 יאָר צוריק; ש. ש. איז דאָרט פֿאַרצייכנט געוואָרן אין ביאָגראַפֿישן נאָטיץ מיט זיכערע יידישע אותיות, וואָס טראָגן מיט זיך דעם אמת אין אַזאַ סאָרט נוסח:

„מיר גלויבן — זאָגט דער רעדאַקטאָר מעם דאַלעד — אַז פֿון שלמה שוואַרצן קען מען זייער פֿיל דערוואַרטן; ערשטנס, איז ער גאָר אַ יונגער מענטש; צווייטנס, האָט ער שוין באַוויזן קרעאַטיוו צו איבערצייגן אונדז מיט זיין דיכטערישער אָבזערוואַציע; נאַטירלעך, ער איז נאָך גליאיק, היציק, וואָלטן מיר געזאָגט, אָבער אַזוי גיך ווי ער וועט זיך אַביסל אָפּקילן (ניט אויסקילן, חלילה), וועט ער ביישטייערן צו דער יידישער דיכטונג מיט אָט־דעם כוח פֿון זיין טאַלאַנט, וואָס יעדער דיכטער טראָגט צו אין זיין רייפֿער צייט.“

הכלל, יידישע אותיות האָבן אַ קבלה נישט צו טראָגן קיין שקר...

איז טאַקע איצט, מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר שפּעטער, צו זיין ווערן דער אוניווערסאַר פֿון אַ האַלבן יאָרהונדערט, כדאי צו פֿאַרצייכענען דעם דאָזיקן פֿאַקט, באותו היום, און טאַקע מיט זיין אייגענעם חותם — דאָס ליד זיינס וואָס טראָגט מיט זיך די אימפּרעסטאָ פֿון זיין דיכטערישער סטרוקטור.

## גלאַנציקער אַלף-בית

מיין זון שטאַמלט דורך די שויבן:
אַיאַ, איך בין דיין זון.
די גומענע הון אויף דעם גרינעם טעפּיך
שווימט־דורך דורך זיינע פינגער,
און שאָקלט זיך ווי אַן עדות נעבן
טעלעפאָן.
נאָר דער רויטער האָן אויפן וואַנט
אינאיינעם מיט שאַגאַלס מוזיקאַלישע פיש
פאַרנעמען דעם אויבנאָן
אויף דעם בלויען פערד
ווען ער פירט זיי רייטנדיק
צו מיין זונס טראָן,

בזה הלשון:
אדוני, ייִנגעלע דו,
צעעפן דיינע אויגן און דערזע
דעם גלאַנציקן אַלף־בית
אין צעבליטן פּאַוויליאָן
פון דיין טאַטנס יידישע ביכער.
שטעל אַ פוס, קום גיכער, פאָלג נישט
דעם שוואַרצן בער,
וואָס וואַקלט זיך אומזיכער:
אָבער דו,
דו גענען און פאַרנעם.

## י אַ ג ד

די סאָבווי—אַן אומדערפּאַרענער יעגער
אין דער פינצטערניש
צעשרייט,
צעשאָקלט אַלץ מיט אַנאַנדער.
די שטילקייט דערשאָסן.
די ליכט אויסגעלאָשן.
דו פּאַלסט אין מיינע אָרעמס —
אַ געפּאַנגענע.

דער טונעלישער שפּריצנדיקער
פייער־רעגן
טאַנצט פאַר די אויגן,
דורך די שויבן,
דורך אַלע טירן.

לאָמיר לויפן ווייט פון בלויען
שטאַטישן דזשונגל,
פאַרשווינדן אין דער פייכטער
נאַכטיקער פעל

און הוידן זיך איבער די שטערן,
און קיינער, אפילו די שלאַנג
וועט ניט זיין צווישן אונדז.

ס'איז אַ פרייד צו פאַרצייכענען ביי אים אַזעלכע לידער ווי: „אַ פּאַרלעזונג אין ניו־יאָרק", „אין קרייז פון אייביקייט", „דער ספר און מיין קינד." ווי אויך די לידער־עטיודן וועגן זיינע קינדער. יאָ, ס'איז אַ טאָפּלטע פרייד צו דערפילן בעתן לייענען ש.ש.'ס לידער, אַז די יידיש־דיכטונג איז די קרעפטיקסטע רבת־בנים — זי שיקט נאָך אַלץ אַרויס שעפערישע קינדער אין דער וועלט אַריין לעולם ועד!

אין סך־הכל:

שלמה שוואַרץ האָט באַוויזן מיט זיך אַ מוסטער, אַז פאַרן דיכטער איז נאָך אַלץ גילטיק דער פּסוק פון רבן גמליאל: „עשה רצונך כרצונו, כדי שיעשה רצונך כרצונו." וואָס דער דיכטער טוט מיט זיין ליד פאַר זיך, טוט דאָס ליד פאַר אים אין דער פּאָעזיע — טאָפּל.

* * *

# י. פרידלאַנד — דער שילדערער פון איצטיקס

ביי היינטיקן טאָג אַז מע לייענט אַ בוך, דאַרף מען צום נייטיקסטן זוכן דעם מענטש פון אונדזער דור וואָס שטייט אונטערן בוך; וואו איז ער געווען, מיט וועמען האָט ער זיך געחברט אין אַ בונד? וואָס אַזוינס האָט אים געמאַטערט? וואָס אַזוינס האָט ער דורכגעמאַכט אין זיין לעבן? און דער עיקר — וואָס האָט זיך ביי אים אָפּגעשטעלט? מיט־וואָס און ביי־וואָס איז ער געבליבן?

אונדזערס אַ מענטש, אַט־דער וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם פעריאָד מיט די שטורעמדיקע „הקפות" פון די לעצטע 50-60 יאָר פון אונדזער צייט־אָפּשניט, אָדער בעסער געזאָגט — צייט־פאַרשניטנקייט, וואָס איז אָנגעשוואָלן ווי אַ באַרג פאַר זיין ערופּטישן אויפרייס — אַזוי איז דאָך דער מענטש געווען פול מיט אָנ־געשפּאַנטקייט פון אַלערליי יעירונגען, סיי סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע, פּאָליטישע און דעם גאַנצן אַלוועלטלעכן ירגזון; איז אַזאַ מענטש, בלי ספק, איבערגעלאָדן מיט מאַטעריאַל פאַר באַשרייבונג, פאַר כראָניק, געשיכטע און ליטעראַטור.

ווייל נאָר אַזאַ אָנגעשוואָלענע צייט מיט כלערליי אימהדיקע מעשים וועקט און רעגט אָן דעם מענטשן אַז ער זאָל זיך נעמען פאַר דער פעדער און פאַרשרייבן. די דאָזיקע צייט איז אויפן ברוכשטול מיט אַלע געשווירן פון פולער, רייפער שוואַנגערשאַפט; די מוטער פון אַלע שרייבערס איז זי.

„וואַנדערונגען און נסיונות" פון י. פרידלאַנד טראָגט אין זיך דער צייטס סימנים און ליגט פאַר אונדז ווי אַ שיכט ערד אָפּגעלייגט פון אַ חרוב־געוואָרענער וועלט; עס ליגן דאָרט די פאָסילן פון אַ גאַנצער געוועזענער וועלט פון אַלערליי פעלקער אויף איר.

אַז אַ ייד איז אַ וואַנדערער, איז אמת; אַז ער האָט נסיונות? איז אַוודאי און אַוודאי אויך אמת. דער מענטש איז געפּרופט מיט נסיונות זינט זיין געבאָרן ווערן; אָבער נאָר ווען ער איז דער געוועלטיקער איבער זיי, פאַרדינט ער דעם נאָמען מענטש; וואָרום גיבן אויסדרוק צו זיינע געדאַנקען און מאַטערנישן וואָס האַלטן אים אַרומגעוויקלט אַ לעבן לאַנג ווי מיט אַ גאַרטל אַרום די לענדן, אַזאַ וואָס מאַכט אַ מחיצה אויף זיין גוף למטהו למעלה; אַזאַ איינער האָט דערגרייכט די יידישע מדרגה פון אונדזערע פרומע עלטערן, און ער איז דורכגעדרונגען מיט אַ גאָר הויכן ווילן אין זיין בחירה . . .

סע איז דער ווילן פון מנצח זיין און פּרעזערווירן דאָס אָנגעזאַמלטע.

אַזוי איז דער חותם און דער גורל פון ירושהדיקע אָנגעהעריקייט.

אַ סך מאָל האָב איך דעם חשק דעפינירן פאַר זיך גופא: וואָס איז אַ שרייבער? און דער ענטפער קומט זייער אָפט צו מיר: ער איז צווישן די אַלע א י ז ן; אויך דער מצבה־שטעלער; ער שטעלט מצבות נאָך די יחידים און נאָך די אָפּגע־גאַנגענע דורות; אויף זיינע אַנטוישטע פאַרלאַנגען; נאָך זיינע שטימונגען און דורכפאַלן.

אין פרידלאַנד'ס „וואַנדערונגען און נסיונות" געפינען זיך אַ צאָל מאָנומענטן, סיי פאַרן יחיד און סיי פאַר אַ געוויסן קלאַס, אַ געוויסער גרופּע וואָס האָט גע־חלומט, געשטרעבט צו פאַרווירקלעכן אידעאַלן און אחר המעשה, געפאַלן אַ קרבן

ווי עס זיינען ברוך פעלדמאַן פון „אייגענער ערד" און ברוך דער גרויסער פון „מסירת נפש".

ס'איז אַ כלל, אַז דאָס צוגעוואוינטע אויג און אויער צו געוויסע זאַכן, נעמט תיכף אויף נאָר אָט־די זאַכן מיט וועלכע סע איז געוואוינט פון פריער זיי אויפצונעמען; דאָס איז, פונעם לייענערס באַהאַוונט זיין אין ענין ליטעראַטור. חוץ דעם איז פאַראַן דער אַלטער ליטעראַטור־נוסח, די טראַדיציע וואָס איז משפיע אויף די נאָכגעקומענע שרייבערס און רעדט אַרויס פון זיי. דאָס מיינט אָבער נישט אַז די ליטעראַטור איז נאָך אַלץ אַ מין ערשט־אַנטדעקט לאַנד, וואָס פאָדערט אַז מען זאָל אויסטריקענען זומפּן וואָס זיינען שוין פון דאָרט לאַנג אויסגערייניקט; מיט אַנדערע ווערטער: אָפּגעטוענע אַרבעטן טאָרן זיך אין איר ניט ווידערהאָלן; זיך אומקערן מיט אַלטע ערשטלינגען איז בפירוש קעגן דער טראַדיציע און דעם מהלך פון דער יידישער ליטעראַטור.

דער דאָזיקער געדאַנק וואָס האָט זיך צו מיר אַנטפּלעקט אין דעם לבוש פון אָט־דער עקספּרעסיע, איז מסתמא שוין אַמאָל צו עמיצן געקומען אין אַזאַ סאָרט אַנטפּלעקונג, נאָר ניט מער, ער האָט זיך ניט אַנגעקליידעט אין קיין קאָנקרעטער ווירקלעכקייט — ניט אויפגעשריבן געוואָרן פון קיינעם. פיל איך דעריבער, אַז סע איז דער חוב פון מיר אים אויפצושרייבן און איין מאָל פאַר אַלע מאָל, זיך באַפרייען פון טראַכטן, אין פאַרזעצונגען, בנוגע דעם נעמלעכן געדאַנק, אַז די ליטעראַטור איז אַ מין ערשט־אַנטדעקט לאַנד. . .

נאָר איך שיהיה, דאָס בלייבט נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם!

דער שרייבער איז געגליכן צו אַ שיכור: וואָס מער ער טרינקט אַלץ מער גאַרט ער נאָכן פלעשל. זיין פלעשל איז דער טינטער, און כל זמן ס'איז נאָך דאָ טינט וועט ער שרייבן איבער אויסגעשעפּטע טעמעס; און שרייבערס לייענען גאָר אַ סך; דאָס באַפּרוכפּערט זיי, באַוואָסערט זיי אַז זיי זאָלן ניט איינגעטרוקנט ווערן אין זייער פרעמדער, ניט גינסטיקער סביבה און פרעמדן קלימאַט אין וועלכע זיי קומט אויס צו לעבן.

איז באַוואָסערן — יאָ! אָבער ניט פאַרוואָסערן . . .

פרידלאַנד האָט איבערגענומען די שרייב־קונסט פון דער ליטעראַטור ווי אַ גרייטער פאַקט — ירושהדיק. נאָר צו זיין גליק איז דאָס וואָס ער האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שרייבן פונעם אַלטן לעבנסשטייגער אַליין, נאָר ער האָט אויך אָפּגעדינט דעם קעגנוואַרט פאַר איר סטימולירן אין אים דעם חשק זי צו פאַנגען און זי פאַרקערפּערן אינעם יידישן לשון — גיבן אויך אויסדרוק צו דער אַמעריקאַנער מיליע; דער קאַליפאָרניער אומגעגנט און סביבה.

פאַר דעם דאָזיקן ווילן און דראַנג קומט אים זיין חלק עולם הבא; בפרט אַז י. פרידלאַנד טראָגט אויף זיין חשבון נישט בלויז דעם שריפטלעכן „חשבון" נאָר אַ רייע געזעלשאַפטלעכע און קולטור פאַרדינסטן, דאַרף דאָס אַלץ קלאָר פאַרצייכנט ווערן אינעם לעקסיקאָן פון יידישן זכרון.

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור טוט עס שוין במילא ביים אָפּשליסן די מעשים פון אונדזער הערצאישן דור.

**אַבאַ קליגער**

# ווי קענסטו זיין נאָך ווייניקער...

אין שאָטן פון ביימער צעבליטע האָט זיך אַרומגערוקט
דאָס נפשל, געוואַקלט אויפן בויך און ציטעריק געקוקט
פאַריתומט צווישן די פייכטע גרינסן אַהין־אַהער.
אַ פרום, שטום נעבעכל, האָט עס נאָכגעשלעפּט שווער
דאָס אָרימע גופל וואָס איז אויך געווען גרין.

איז עפּעס דאָ טשיקאַווע אין אַזאַ געפאַלענעם מין?
אַז גאָרניט איז געהיים אינעם קלעפּיק־גרינעם שליים
וואָס קריכט, אָן תאווה אפילו צו וויסן וואָס איז ליכט.
אָט לעבט עס, הלמאי אַ מילב צווישן טאָוולען פון אַ בוך,
מיטן טוכלען גערוך און שטיל, אָנגעשראָקן ווי אַ גריל.

פאַרקליינט ווי גראָז און אָפּטנס נידעריקער נאָך,
מיינט עס מסתם אַז פון אָפּפאַל מיט אַביסל מאָך
צענויפגעשטעלט איז די שפּלדיקע וועלט, וואָס איז גרוי
און אומעטיק, וואו בעסער פון דאָ איז קיין ערגעץ ניטאָ———
און אפשר... בלויז מיר אַליין דאַכט זיך עס אַזוי.

דאָס בריאהלע — אַ פאַרלוירנס, מגושמדיק און פּוסט,
האָט פלוצים זיך אַריינגעשפּאַרט אין אַן ענגער קוסט,
ווי עמיץ אין געהיים וואָלט פאַר דעם אַ סוד געהאַט,
געבליבן דאָרט פאַרשטאַרט אונטערן שאָטן פון אַ בלאַט
און זיך מער ניט גערירט, ווי ס'וואָלט אויף עפּעס געוואַרט.

ניט לייכט איז צו דערגיין אויב אַ וואָרים קען פאַרשטיין
און קיינער ווייסט ניט אויב דאָס טראַכט אַמאָל און רעדט,
נאָר זיכער פילט עס, כאָטש ס'שטילט, פון ווינט אַ ריר,
הערט, זעט אומגיין וואו אַ חלום פון אַן אַנדער קאָליר,
ווי יעדע באַוועגלעכע זאַך איינגעדרימלט אין וואַך.

האָט חלום באַדייט? פרעג ביים תנ"ך, דעם פּאָעט,
דעם מענטש וואָס ליידט. ענטפער אַליין ווען דו זעסט
אין מידבר אַ פאַלמע צעגרינט מיט זאַפט און מיט זעט,
קאָלירן באַזונטע דערהויבן צו חשיבות אַ שטיין
און יעקבס לייטער זיך שטאַפּלען איבער אַ חלומערס נעסט.

אויך זאָס איז אַ חלום פונעם זייער געפלאַנצט
אין שטומער אַליינקייט, וואו דאָס ווערט ניט פאַרניינט
פון גורל וואָס לייטערט, דערהויבט און פאַרגאַנצט.
ווען אויפגעוועקט פון שלאָף שטייגט עס פלאַימדיק אויף
אַ שטאַם — איינגעוואָרצלט, געגרויסט און באַחנט.

אַזוי האָבן זעאונגען, ווי פונקען אין דער נאַכט,
געדרייט זיך הקפות אַרום געשווילעכץ דאָרט אין קוסט,
וואו הייסער גלוסט פון שטענדיקן באַגער און ווער
האָט שטום געדופקט הינטער דער הויט פון טויט
און זיך געראַנגלט אין די ווייען פון געבער.

אַ גלויביקער ווייסער האָט געלערנט איין מאָל:—
אַן אייביקייט דויערט צו רייניקן זיך פון ווי,
נאָר הערט עמיץ נאָענט פון דער האָפענונג אַ קול
ווען ער ליגט דערנידעריקט, פון ספקות באַזיגט,
באַפרייט ער זיך פון צער אין אַ שעה, אָדער צווי.

דאָס אויג איז ניט קלוג געווען און ליכטיק גענוג
אַריינצוקוקן טיפער אינעם אָנגעבלאָזענעם געשוויר
און זען דעם וואונדער ווי פון ווערעמלס קאַלטן קאָקון
האָט אויפגעצאַפּלט היים אַ פערלדיקער סאַפיר
און פריידיק געקלעטערט אויף אַ שטראַל צו דער זון.

אין גלי פון התפעלות האָב איך מיט אייפער צוגעזען
וואָס טוט באַשיינפערלעך געשען און מיט צער געקלערט
פון מיין אייגענער ווערט אויפן וואָג פון אַ זייפנבלאָז,
ווען באַלד האָט זיך פון דער בליאונג אַרום געהערט:—
ווי קענסטו זיין נאָך ווייניקער פון אַ וואָרים אין גראָז!

סאַלאָמאָן קאַהאַן

# נסיונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער

(וועגן יצחק פרידלאַנדס נאָוועלע „אין יענע טעג")

— 1 —

דאָס בוך „וואַנדערונגען און נסיונות", דאָס נייעסטע וואָס דער פּאַרדינסט־פולער קאַליפאָרניער שריפטשטעלער, יצחק פרידלאַנד, האָט מיט דער הילף פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט פאַרעפנטלעכט, אַנטהאַלט דריי אָפּטיילונגען: „אין יענע טעג" (נאָוועלע), „איבער דער בריק פון דורות" (דערציילונגען) און „קאַליפאָר־ניאַדע" (דערציילונגען).


יצחק פרידלאַנד

די דערציילונגען, וואָס קומען אַריין אין צווייטן און דריטן טייל פונם בוך זענען, יעדע איינע פון זיי, אינטערעסאַנט, און, אין אַ גרע־סערער אָדער קלענערער מאָס, ווערטפול פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט.

וואָס ס'גיט אָבער דעם דאָזיקן בוך זיין גרעסטע עקזיסטענץ באַרעכטיקונג, איז די נאָ־ווועלע „אין יענע טעג", וואָס וועגן איר וועט זיין די רייד אין די ווייטערדיקע שורות.

יצחק פרידלאַנד געהערט צו די שריפט־שטעלער, וואָס קענען וועגן זיך, מיט אַ רואיקן געוויסן, זאָגן: „מיין בעכער איז קליין, אָבער איך טרינק פון מיין בעכער." זיינע ווערק זענען נישט עפּאָכע־מאַכנדיק, אָבער זיי זענען שטענדיק אַ ווערטפולער ליטעראַרישער ביישטייער געבויט אויפן גרונט פון די טעמעס, וואָס זיי באַהאַנדלען.

אַזאַ מין ווערטפולער קינסטלערישער בייטראַג איז אויך זיין נאָוועלע „אין יענע טעג." אויף עפּעס מער ווי הונדערט זייטלעך לאָזט ער אונדז זיך באַקענען מיטן יידישן צושטייער צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַ יידישער שטאָט אין אוקראַינע, אין אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט.

ווי דער מחבר אַליין דריקט זיך וועגן דעם אויס אין זיין פאָרוואָרט, האָט ער אין דער דאָזיקער נאָוועלע געמאַכט אַ פּאַרזוך רעטראָספּעקטיוו אַריינצובליקן אין יענעם, שוין באַלד פאַרגעסענעם נעכטן, וואָס האָט אַרויסגערוקט אַזוי פיל ערלעך־שיינע אידעאַליסטישע קעמפער פאַר הויכע אידעאַלן און וויזיעס פון אַ שענערן און ליכטיקערן מאָרגן."

דער דאָזיקער פּרוּוו איז פרידלאַנדן געלונגען.

דער „שוין באַלד פאַרגעסענער נעכטן" איז „אין יענע טעג" קינסטלעריש צוריקגעקומען צום לעבן.

איינע פון די וויכטיקסטע פּראָבלעמען, וואָס אַ שרייבער מוז לייזן, ווען ער טרעט צו סיי אין אַ ראָמאַן, און סיי אין אַ נאָוועלע, צו דערציילן וועגן אַ געוויסן

צייט־אָפּשניט, איז נישט צו פאַרזען דעם סאָציאַלן הינטערגרונט פון די פּערזאָנען, אָדער, ווי מ׳זאָגט עס געוויינלעך, די העלדן פון זיין ווערק, כדי זיי זאָלן באמת זיין מענטשן לעבעדיקע, מוזן מיר זיך באַקענען מיט זייער אָפּשטאַם, נישט נאָר אין זין פון משפּחה, נאָר אויך אין זין פון סביבה.

דערפאַר האָט פרידלאַנד גוט געטאָן מיט דעם, וואָס ער האָט אונדז באַקענט, אַלזייטיק, מיט דעם רעוואָלוציאָנער יואלס עלטערן, ווי אויך מיט דער ברייטער סביבה, אין וועלכער ער איז אויסגעוואַקסן.

ער האָט אונדז אויך באַקענט מיט די פאַרשידענע סאָציאַלע קעגנזאַצן, ווי זיי האָבן זיך געהאַט אויסגעפורעמט אין יענער שטאָט אין אָנהויב פון יאָר־הונדערט, אויף דער יידישער גאַס.

אין דער דאָזיקער הינזיכט האָט די נאָוועלע אַ באַדייטנדיקן היסטאָריאָ־גראַפישן ווערט, ווייל דער לייענער באַקענט זיך דורך איר מיט דער שטורעם־און־דראַנג עפּאָכע פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, לויט ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויף דער יידישער גאַס אין די אוקראַאינישע שטעט און שטעטלעך.

אַזוי צום ביישפּיל, זענען די זייטלעך, וואָס זענען געווידמעט דעם יידישן זעלבסטשוץ („סאַמאָאָבאָראָנאַ") אין די טעג פון די פּאָגראָמען, באמת פיינע ליטעראַטור.

„אין יענע טעג" איז בלי שום ספק אַ באַדייטנדיקע ליטעראַריש־קינסטלערי־שער צושטייער צו דער געשיכטע פון דעם רעוואָלוציאָנערן אויפברויז, לויט ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אויף דער יידישער גאַס אין אוקראַאינע, אין דעם ערשטן יאָר־צענדליק פון דער איצטיקן יאָרהונדערט.

— 2 —

בלויז אָבער מיט דעם אַליין וואָלט די דאָזיקע נאָוועלע נאָך נישט געווען אַ קינסטלעריש, לעבעדיק ווערק. דער מחבר האָט געדאַרפט נאָכקומען דעם צווייטן באַדינג: יעדער איינציקער פון זיינע פּערסאָנאַזשן זאָל לעבן אַ פולבלוטיק לעבן; דער לייענער זאָל וויסן, אַז זייערע פריידן און ליידן, האָפענונגען און אַנטוישונגען, זיינען אומפאַרמיידלעך־אמת; אַז זייער טראַכטן און טאָן איז באַווירקט דורך דער לאָגיק פון דער סיטואַציע.

אויך דאָס איז פרידלאַנדן אין אַ גרויסער מאָס געלונגען.

איינער פון די קינסטלעריש געלונגענסטע מאָמענטן פון דער נאָוועלע, איז דער קאָנפליקט, וואָס גייט אָן אין דעם רעוואָלוציאָנער יואלס טיפערן וועזן, און וואָס הערט אים נישט אויף צו מאַטערן. דאָס איז דער ויתרוצצו צווישן זיין וועלן זיין טריי צו די פּאָסטולאַטן פון דער רעוואָלוציע, ווי זיי זענען אין יענער צייט פאַרשטאַנען געוואָרן דורך דער יידישער אידעאַליסטישער יוגנט, און וואָס האָבן לויט איר איבערצייגונג, פאַרלאַנגט פון דעם רעוואָלוציאָנער אַן אַסקעטישן צוגאַנג צום אייגענעם לעבן, און דעם נאַטירלעכן דראַנג פון דעם איינצל־מענטש זיך אויסצולעבן ווי אַן אינדיווידואום.

זייער געלונגען קינסטלעריש זיינען יענע זייטלעך פון דער נאָוועלע, אין וועלכע דער מחבר ברענגט אַרויס דעם ברענענדיקן באַגער פון יואלן צו דער

פאַרפירערישער שיינקייט פון אַנאַ, וועלכער ברענגט אים אַזוי נאָענט צו איר, און דעם נצחון וואָס יואל האַלט אָפּ איבער זיך אַליין, אין נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן אידעאַליזם, וועלכער מאַכט אים איר צו פאַרלאָזן אין אַ מאָמענט פון ערב ליבע־דערגרייכונג, ווייל ער פאָלגט דעם געבאָט פון זיין אינערלעכער שטימע, וואָס באַפעלט אים צו אַנטלויפן פון איר און פאַרנעמען זיין פלאַץ אין דער „סאַמאָאָבאָראָנאַ". די קינסטלערישקייט, מיט וועלכער פרידלאַנד האָט אַרויסגעבראַכט אָט־דעם טיפן אינערלעכן קאָנפליקט פון יואלן, מאַכט די דאָזיקע זייטלעך באַזונדער געדענקבאַר.

פונקט אַזוי איז אים קינסטלעריש געלונגען די באַשרייבונג פון דעם געפילן און געדאַנקען ־ לאַבירינט פון יואלן, ווען, וועלנדיק אָפּנאַרן זיך אַליין דורך איינרעדן זיך, אַז נישט ער באַגערט פראָסט און פשוט די באַזונדערס רייצנדיקע פראָסטיטוטקע „מיקי", נאָר אַז ער מוז ווערן נאָענט צו איר, כדי איר אַרויסצוציען פונם שמוץ, און דערברענגען איר צו אַ גייסטיקער ווידערגעבורט.

אויך אַזוי זענען פרידלאַנדן קינסטלעריש געלונגען אַלע אַנדערע געשטאַלטן אין דער דאָזיקער פיינער, פון אָנהויב ביזן סוף אינטערעסאַנטער נאָוועלע.

---

י. מאַניק (חיפה)

## זאָל אויפגליען...

(מלך ראַוויטש)

זאָל אויפגליען דיין האַרץ
אין אויסשטראַל פון מיטלייד
פאַרן יינגן ביימעלע,
וואָס ליגט צעטראָטן אין שטויב
און האָט נישט די קראַפט זיך אויפצוהייבן;

פאַרן גאָלדן בינעלע ווי עס וויינט,
זיך שלאָגנדיק מיטן קאָפּ אָן דער שויב
און קאָן דעם וועג צו דער פריי נישט געפינען;

און פאַרן ברודער, מיט מענטש
מיט אַל זיין נויט און זיין רייכטום אויף דער ערד —
די ערד, וואָס שטורעמט דורכן וועלט־אַל
אין געלויף צו'ן איר ציל,
דעמערדיק פאַרהוילן
פאַרן אויג פונעם שכל.

**נח גאָלדבערג**

# צעריסענע לעבנס

(דערציילונג)

— מערעלע, זיי אַ גוטע מיידעלע. שטיי איין אויף אַן אָרט, וועל איך דיר פאַרקאַמען די צעפּעלעך.

— באָבעשי! — האָט דאָס זשוואַוועדיק און שיין מיידעלע גערייט מיטן בלאָנדן קעפּל אויף רעכטס, אויף לינקס און אונטערגעטענצלט — ווען וועל איך זען מיין מאַמעשי?

— באַלד, קינד מיינס. שטיי איין אויף איין אָרט, וועל איך דיר קאַנען אָנטאָן און פאַרפלעכטן די הערעלעך. דערנאָך וועלן מיר פאָרן זען דיין מאַמעשי אין שפּיטאָל — און פון שרה'ס האַרץ האָט זיך אַרויסגעריסן אַ טיפער קרעכץ, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבער אַלע ווינקעלעך.

— באָבעשי — האָט מערעלע ניט אָפּגעלאָזט שרהן אויף אַ רגע — מיין מאַמעשי איז אַ שיינע ? איך האָב איר נאָך קיינמאָל ניט געזען. האָט מיין אַזעלכע בלאָנדע האָר ווי ביי מיר, צי אַזעלכע ווייסע ווי ביי דיר? דו ווייסט, באָבעניו, איך וויל אויך זיין אַ שיינע.

פון מערללעס רייד האָט שרהן עפּעס אַ וואַרג געטאָן אין האַלדז. זי האָט אַרויפגעצויגן אַ קורץ, געפּאלדעוועט ציצענע קליידעלע אויף מערעלעס קערפּערל און מיט צער אין קול געענטפערט :

— דיין מאַמעשי, אַ בראָך צו מיינע יאָרן, איז זייער אַ שיינע. זי האָט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן און אַ געדיכטן וואַלד מיט שוואַרצע, גלאַנציקע האָר אויפן קאָפּ . . .

אין מיטן די רייד איז מייער לעווין אַריינגעקומען פון וואַשצימער. זיין אָפּגעגאָלטע מאָרדע האָט געהאַט אַ טיפע דאָלינקע אין דער מיטן און אויסגעזען בלוי און גלאַט. פון הינטער די ברילן איז אין די אויגן געלעגן אַ ים מיט צערטלעכקייט סיי צום ווייב און סיי צום אומגליקלעכן אייניקל. פונדעסטוועגן האָט ער דאָס ניט געוואָלט אַרויסווייזן מיט כלומרשטער שטרענגקייט גערעדט צו שרהן:

וואָס מאַרודעסטו צייט אומזיסט? טו אָן דאָס קינד און קום פאָרן. מען דאַרף דאָך זיין אין שפּיטאָל ניט שפּעטער ווי איינס אַזייגער.

מערעלע האָט אויפגעכאַפּט דאָס וואָרט „שפּיטאָל" און פאַרשטאַנען, אַז דער זיידע האָט גערעדט וועגן דעם שפּיטאָל וואו איר מאַמע געפינט זיך שוין איבער דריי יאָר צייט, און דאָס קינד איז צוגעלאָפן צו אים :

— זיידעניו, מיין טאַטע וועט דאָרטן אויך זיין?

דער אַלטער ייד איז אויף אַ ווײַלע געפּלעווט געוואָרן פון דעם קינדס פראַגע און אויפן שטעל ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. דערנאָך אָבער האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און געענטפערט:

— ניין, מיין קינד. דיין טאַטע וועט דאָרט ניט זיין. . .

— פאַרוואָס וועט ער דאָרטן ניט זיין? — האָט דאָס קינד געוואָלט וויסן און נאָר געוואַרט פון זיידן אַ קלאָרע תשובה.

אַט הער אויף צו שטעלן דיינע נאַרישע פראַגעס—איז ער אַרויס פון געדולט
— טו זיך אָן אַביסעלע גיכער! ס׳איז שוין שפּעט. דאָס פאָרן צו דיין מאַמען אין שפּיטאָל איז ווייט. מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן די וויזיט־שטונדן.

— זיידע — האָט זיך דאָס איינגעשפּאַרט קינד ניט דערשראָקן פאַר איר זיידנס שטרענגע רייד—ווארום איז מיין מאַמעשי אַלעמאָל אין שפּיטאָל?... ווארום קומט זי ניט אַהיים צו שפּילן זיך מיט מיר ווי אַלע מאַמעשיס מיט זייערע קינדער? . . .

מייער האָט איר גלייך אויפן אָרט געוואָלט דערציילן וויאַזוי עס איז געקומען צו דעם. אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיין אייניקל איז דאָך ניט מער ווי אַ קינד:

— ניין, מיין קינד, דיין מאַמעשי איז אַלעמאָל אין שפּיטאָל ניט געווען. ווען דו וועסט מירצעשעם אונטערוואַקסן, וועסטו אַליין דערוויסן זיך פון אַלץ...

מערעלע! — האָט שרה דערווײַלע אָנגעשריען אויפן קינד: — לאָז שוין אָפּ דעם זיידן. הער אויף צו פרעגן אים קלאָץ־קשיות און קום! . . .

זיי זיינען אַרויס אין דרויסן. אויפן ראָג האָבן זיי אָפּגעוואַרט ביז עס האָט זיך באַוויזן דער „טראַמוויי״, וואָס האָט זיי געפירט צום סטאַטישן שפּיטאָל פון גייסטיק־קראַנקע מענטשן. מייער לעווין האָט באַצאָלט פאַר דריי בילעטן און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ בענקל אַנטקעגן שרהן מיטן אייניקל.

טאַקע ווארום איז זיין טאָכטער, רבֿקה, שוין איבער דריי יאָר אין שפּי־טאָל? איז מייערן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק. ער האָט זיך דערמאָנט. דאָס איז געווען מיט אַרום זעקס יאָר צוריק. אין אַ וואָכעדיקן דינסטיק אָוונט איז רבֿקה געקומען אַהיים פון קאַלעדזש מיט עפּעס אַ הויכן, געזונטן כלאַפּ, אויך אַ סטודענט אינם זעלבן קלאַס וואו זי, און די טאָכטער האָט דעם שייגעץ פאָרגעשטעלט פאַר טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען דאַמאָלסט געזעסן ביים טיש און געגעסן וועטשערע:

— פּאַ און מאַ, זייט באַקאַנט מיט דזשימין. דזשימי מאַקריידי. איר מעגט אונדז פאַר איינס אויך אָפּגעבן מזל־טוב, ווייל מיר זיינען היינט פאַרלאָבט גע־וואָרן. אין אַ וואָך אַרום וועלן מיר חתונה האָבן אין געריכט ! . .

ביי מייער לעווינען האָבן אָנגעהויבן ציטערן הענט און פיס. די לעפל איז מיט אַ מעטאַלענעם קלאַנג אַריינגעפאַלן אין דעם כמעט ליידיקן טעלער, וואָס האָט זיך צעזונגען מיט אַ פאַרצעלייענעם דזינג! און צום ערשטן מאָל האָט דער ייד דערפילט ווי פון נערוועזיטעט האָט אים דאָס רעכטע אויג אָנגעהויבן פּינטלען און פון דאַמאָלסט אָן ניט אויפגעהערט. אויך שרה איז געוואָרן בלאַס און פאַר־ציטערט. זי האָט גלייך דערקאַנט, אַז איר טאָכטערס חתן איז אַ גוי:

— אַ דאַנק דיר, מיין טייערע טאָכטער, וואָס דו האָסט אָפּגעמאַכט צו חתונה האָבן מיט אים אין אַ געריכט! פאָרן זעלביקן געלט האָסטו דאָך שוין געקאָנט חתונה האָבן אין אַ קלויסטער?... אַ יידיש קינד האָב איך דאָס אויפגעהאָדעוועט! וויי און ווינד איז צו דיין מאַמען, וואָס זי הערט אַזעלכע רייד!

מייער, אַביסל געלאַסענער פון זיין ווייב, האָט אַ קלער געטאָן: אפשר וועט ער מיט לאָגיק קאָנען געבן צו פאַרשטיין זיין צעבאַלעוועטער טאָכטער, אַז אַזוי טוט מען ניט, און ער האָט איבערגעשלאָגן שרהס רייד:

— וואָס רעדסטו נאַרישקייטן, מיין קינד?... וואָס הייסט דו ביזט „פאַרלאָבט

געוואָרן" ניט־דיר ניט־מיר? און וואָס עפּעס שוין חתונה האָבן?... וואָס וועט ווערן פון דיין לערנען? וואַרט! וועסט פאַרענדיקן קאָלעדזש, באַקומען דיין "דעגרי" און דערנאָך וועט מען זען...

פונקט ווי רעבעקאַ איז געווען אַ גוטע סטודענטין, אַזוי איז זי אויך געווען אַ היבשער עקשן. פון קינדווייז אָן רק געוואָלט אויספירן אירס און דערצו נאָך איז זי פאַררעכנט געווען פאַר אַ ראַדיקאַל געשטימטע מיידל, האָט זי איצט דער מאַמעס געשריי און דעם טאַטנס גוטע רייד ניט געקאָנט פאַרשטיין.

— איר זיינט אַלט־פרענקישע אימיגראַנטן! הייַנטיקע מענטשן ווייסן ניט פון ייד אָדער קריסט... מיר האָבן זיך פאַרליבט איינער אינם אַנדערן און מיר וועלן הייראַטן, צי אירווילט אָדער ניט!...

ביי די לעווינס איז יענע וואָך געווען תשעה־באָב. שרה האָט טאָג און נאַכט געהאַלטן אין איין וויינען און געבעטן זיך דער טאָכטער, אַז זי זאָל מיט דעם שייגעץ ניט חתונה האָבן. אויך מייער האָט גערעדט מיט גוטן, געגעבן צום פאַר־שטיין דער איינגעשפּאַרטער רעבעקאַן, דעם גרויסן אונטערשייד צווישן ייד און קריסט. און ווען די אַלע רייד מיט די לאָגישע אויספירן האָבן ניט געהאָלפן האָט ער אויף איר געשריען. נאָר געהאָלפן האָט דאָס אַלץ ניט.

רעבעקאַ האָט אויסגעפירט אירס און אויף דער אַנדערער וואָך האָבן זיי טאַקע חתונה געהאַט. דאָס יונג פּאָר־פאָלק האָט געדונגען אַ דירה פון דריי שיינע צימערן און אפילו ניט איינגעלאַדן צו זיך דעם טאַטן מיט דער מאַמען.

דעם ערשטן יאָר איז רעבעקאַ געווען גליקלעך. זי איז אַרומגעגאַנגען אַ שטאָלצע, אַ צופרידענע און אַ דערהויבענע און געקוקט אויף די אַנדערע יונגע ווייבלעך פון אויבן אַראָפּ. אָבער, דערנאָך ווי מערעלע איז געבוירן געוואָרן האָבן זיך אַפריער אָנגעהויבן שטילע קריגערייען און אייפערזיכטיקע אויסברוכן, וואָס האָבן זיך גענומען צוליב דזשימיס קומען אַהיים שפּעט אין די נעכט.

ס'האָט ניט גענומען לאַנג. דער דזשימי האָט לויז געלאָזט די צונג און פון אים איז אַרויסגעשפּרונגען דער גוי. אין זיינע ווילדע אָנפאַלן אויף איר האָט ער זיך שוין מער ניט געשעמט צו באַנוצן זיך מיטן אַלטן שטעכווערטל "ייד" אָדער פשוט "שיני."

אין אָנהויב, ווען רעבעקאַ האָט דערהערט ווי ער רופט זי "ייד" אָדער "שיני" האָט עפּעס געפּלאַצט אין איר. דער קנופּ וואָס האָט איר אַזוי צוגעבונדן צו אים איז מאָמענטאַל לויז געוואָרן. אַפריער האָט זי אים געפּרובירט מוסרן, זאָגן, אַז אַן אינטעליגענט און אַ ראַדיקאַל רעדט ניט אַזוי. אָבער ווען זי האָט איינגעזען אַז אירע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפענע, איז זי געוואָרן אַ שוויַיגערין. זי האָט געליטן אין דער שטיל און געשעמט זיך צו דערציילן פאַר עמיצן פון אירע צרות און אַוודאי ניט פאַר טאַטע־מאַמען.

אָבער, דאָס אַלץ וואָלט זי נאָך געקענט פאַרטראָגן, ווען ניט די מעשה מיט דעם, וואָס אַ חוץ קומען שפּעט אַהיים אַשיכורער — האָט פון אים שטענדיק גע־שמעקט מיט ווייבערשן פודער, מיט שמינקע, מיט גערוך פון יונגע פרויען, וואָס זי האָט ניט געקענט פאַרטראָגן און אָנגעהויבן אויסמיידן דעם אָרט וואו ער איז געשטאַנען, געזעסן און געלעגן.

מיט דער צייט איז זי געוואָרן אינגאַנצן אַן איינגעשלאָסענע אין זיך אַליין.

זי פלעגט זיך פאַרקלייבן אין אַווינקל־צימער, זיצן שעהן לאַנג, שווייגן און וויגן זיך ווי אין אַ וויגשטול און געזען האָט זי ווי אַלץ, דאָס גאַנצע לעבן אירס, ווערט מיט יעדן טאָג אומדערטרעגלעכער און רוקט זיך אַוועק אַלץ ווייטער און ווייטער. דער מוח איז ביי איר הויל געוואָרן. עפּעס אַ מין פוסטקייט האָט זיך אַהין אַריינ־געכאַפּט. אַ פוסטקייט, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ טיפן פאַרדרוס אויף זיך אַליין. דער שאַרבן האָט געדריקט ווי אַ שטיק בליי און עס האָט זיך פון קיין זאַך מער ניט געקלערט, ווי אַלץ אין איר וואָלט מיטאַמאָל פאַרגליווערט געוואָרן: „וואָס האָט זי געטאָן מיט זיך? . . .

אָט־דער לעצטער געדאַנק האָט איר געמאַטערט אַזוי לאַנג ביז עס איז איר באַפאַלן אַ מרה־שחורה. דער צושטאַנד האָט איר אַריינגענומען אין די הענט ווי מיט אייזערנע צוואַנגען און מער שוין ניט אָפּגעלאָזט. האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרנאַכלעסיקן דאָס קינד, די שטוב, זיך אַליין. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די דריי צימערלעך מיט צעפּאַטלטע האָר; די קליידער זיינען נאַכלעסיק געהאַנגען אויף איר אויסגעדאַרטן גוף. אין די אָוונטן האָט זי די עלעקטרישע לאָמפּן ניט אָנגעצונדן. אַפּנים, אַז אין דער פינצטער איז איר גרינגער געווען אַרומצע־וואַנדערן איבער די חדרימלעך און ריידן צו זיך אַליין. ריידן און וויינען אויף אַ קול: „וואוהין גייט מען? וואָס טוט מען? ער וועט באַלד קומען און שלאָגן. ניין־ניין! גיי אַוועק פון מיר! גזלן! געוואַלד, ער שטעכט מיך! אַ מעסער!"...

אַז דזשימי האָט באַמערקט די גייסטיקע ענדערונג אין איר, האָט ער מער ניט באַדאַרפט. פונקט ווי ער וואָלט די גאַנצע צייט געוואָלט אַז זי זאָל פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, אַזוי איז ער מיטאַמאָל געוואָרן זייער גוט צו איר. קודם האָט ער זיך אָפּגעהאַלטן פון קומען אַהיים שפּעט אין די נעכט און שלאָגן. אַדרבא, ער האָט גאָר אָנגעהויבן ריידן צו איר צערטלעכע רייד:

— רעבעקאַ טייערע, דו האָסט נאָך היינט גאָרניט געהאַט אין מויל... עס עפּעס. טרינק אַ טעפּעלע קאַווע וועסטו זיך שטאַרקן און קומען צו זיך...

נאָר זי האָט אים שוין אַלץ איינס ניט פאַרשטאַנען און ניט געהערט; ניט באַנומען זיינע רייד. עפּעס אינסטינקטיוו האָט זי מורא באַקומען פאַר זיין גע־שטאַלט, פאַר זיינע לאַנגע און געזונטע הענט, וואָס האָבן זיך אַ יעדע רגע געקאָנט צעלאָזן איבער איר פּנים; איבערן קאָפּ. אירע געדאַנקען האָבן גאָר איצט גע־שוועבט צווישן חלום און ווירקלעכקייט. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז פון אירע פריערדיקע געווייןן אויסברוכן איז זי גאָר געוואָרן פריילעך און אָנגע־הויבן טאַנצן און זינגען פאַרשיידענע נאַרישע לידעלעך וואָס זי האָט אויסגע־טראַכט אין איר צעמישטן דמיון.

— רעבעקאַ, ליבינקע, דו ביזט קראַנק, מיין נשמהלע... קום, וועל איך דיך נעמען צו אַ דאָקטער... ער וועט דיר געבן אַ מעדיצין און דו וועסט געזונט ווערן... פאָלג מיך און קום . . .

דער געמיט איז ביי רעבעקאַן דאַמאָלסט אַביסל גרינגער געוואָרן. די שרעק האָט נאָכגעלאָזט. זי האָט באַנומען, אַז עפּעס איז מיט איר טאַקע דער מער און געגלויבט איר מאַנס רייד. דעריבער האָט זי זיך געלאָזט איינריידן. זי האָט אָנגעטאָן אַ ריינע בלוזקע, דעם אויבערמאַנטל. איז אַרויס מיט דזשימין אין גאַס וואו זיין אויטאָמאָביל איז געשטאַנען און געוואַרט אויף זיי.

דזשימי האָט איר אַריינגעפירט אין אַ גרויסער, גרויער געביידע מיט גראַטעס אין אַלע פענצטער. זיי זיינען אַריין אינעווייניק. אַ שטילע האָט זיך רעבעקאַ אַוועקגעזעצט אויף איינער פון די שטולן אין וואַרט־צימער. איר מאַן איז דערווײַלע צוגעקומען צום שרייב־טיש, וואו עס איז געזעסן אַ מיטליעריקע פרוי אָנגעטאָן אין ווייסן... אַ ווײַלע האָט ער עפּעס איינגעטענהט מיט איר. די פרוי האָט עטלעכע מאָל געוואָרפן פרעגנדיקע בליקן אויף רעבעקאַן. דערנאָך האָט זי אים דערלאַנגט אַן אַנקעטע אויף אויסצופילן און אונטערשרייבן.

אין אַ ווײַלע אַרום זיינען פון אַן אַנדער זייטיקן צימער אַרויס צוויי וועכ־טערינס אין גרויע כאַלאַטן. זיי האָבן רעבעקאַן אַזאַ האַסטיקן נעם געגעבן אונטער די אָרעמס, אַז ביי דער לעצטער האָט זיך דער קאָפּ פאַרדרייט פונם געאייל. אַפריער האָבן זיי זי אַריינגעפירט אין אַ קליין חדרל, אויסגעטאָן נאַקעט. צוגע־נומען אירע קליידער. רעבעקאַ האָט געשריען מיט באַנומענע קולות, גערופן איר מאַן צוהילף. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז זי שוין געווען אַן איבערגעטאָנענע אין אַ טונקל־גרויען כאַלאַט אַזאַ און מען האָט איר אַוועקגעשלעפּט אין אַ גרויסער, הויכער פּאַלאַטע, וואו עס האָבן זיך געפונען נאָך גייסטיק קראַנקע פרויען, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבערן צעמענטענעם דיל, גערעדט און עפּעס געשריען אויף עמיצן, געשאָלטן איינע די אַנדערע, געוויינט, געלאַכט און עטלעכע זיינען סתם געזעסן אין ווינקלען אַזעלכע געלע, אויסגעדאַרטע און באַוועגלאָזע, ווי עגיפּטישע מומיעס.

רעבעקאַ איז געבליבן שטיין צווישן די זינלאָזע פרויען, ווי אַ געפּלעפּטע. אויף איין רגע האָט זיך אַ קלאָר פּיצל געדאַנק אומגעקערט צו איר און זי האָט דערזען וואו זי איז אַריינגעפאַלן. איז זי צוגעלאָפן צו דער פאַרגראַטעוועטער טיר און גענומען דאָס רייסן מיט די הענט, מיט די נעגל, און געשריען: דזשימי! דזשימי, לאָז מיך דאָ ניט איבער! נעם מיך אַוועק פון דאַנען!!"... אָבער, אנשטאט דזשימין איז צוגעלאָפן אַ הויכע, געזונטע, בייזע וועכטערין, אַראָפּגעלאָזט איר צוויי פלאַמיקע פּעטש און זי אַוועקגעטריבן פון דאָרט.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט דזשימי געבראַכט זיין דריי יעריקער טעכטערל מערעלע צו מייער און שרה לעווינען אין שטוב; אַראָפּגעלאָזט דאָס קינד אויף דער ערד און מיט פאַרלאָפענע אויגן פון בראָנפן געזאָגט צו די צוויי עלטערע מענטשן:

— נאַט אייך אייער אייניקל!... איך דאַרף ניט האָבן די דזשו בעסטאַרד!... אייער רעבעקאַן האָב איך היינט אַריינגעגעבן אין שטאַטישן שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע ! . .

שרה מיט מייערן האָבן אין אָנהויב ניט פאַרשטאַנען וואָס זייער שיכורער איידים האָט גערעדט. אָבער באַלד האָבן זיי באַנומען דעם גאַנצן גרויל אוןביידע פאַראַמאָל האָבן זיך צעשריען אויף אים:

— ווי האָסטו געוואַגט צו טאָן אַזאַ נידערטרעכטיקע זאַך, דו שיכור איינער?! דו האָסט דאָך אומגליקלעך געמאַכט אַן אומשולדיקן מענטשן!! אַרויס פון דאַנען!!

דער צאַצקעדיקער איידים איז געשטאַנען מיט צעשפּרייטע פיס, גרייט צו וואַרפן זיך שלאָגן אויף דעם אַלטן יידן. נאָר צום סוף האָט ער זיך אַפנים עפּעס באַדיינקט און אַ מאַך געגעבן מיט דער רעכטער האַנט אינדערלופטן:

— אייך געפעלט דאָס ניט, איר שמוציקע יידן! איר קאָנט גיין צום טיוול מיט אייער טאָכטער און אייניקל אינאיינעם ! . . . מער וועל איך ניט דאַרפן אָנקוקן אייערע פאַרשיווע פּנימער ! . . .

מער האָבן די לעווינס זייער תכשיט ניט געזען. נאָר געהערט האָבן זיי, אַז דער געוועזענער איידעם האָט זיך אויפגעזוכט אַ שיקסע. אַריינגענומען זי צו זיך אין הויז, איבערגעגעבן רעבעקאַס מעבל מיט די קליידער, פּונקט ווי רעבעקאַ וואָלט שוין ניט געווען צווישן די לעבעדיקע.

פון דעם טאָג אָן איז שרה ווידער געוואָרן ווי אַ יונגע מאַמע צום קינד. זי האָט מערעלען געוואַשן, געצוואָגן, געקאָרמעט און געהיט ווי די שוואַרצאַפּלען אין די אויגן. אויך מייער האָט ליב באַקומען דאָס אייניקל און ווען ער איז געגאַנגען איבער די קראָמען עפּעס איינקויפן פאַרן שטוב, איז ער אַלעמאָל צוריקגעקומען מיט אַ שפּילצייג פאַרן קינד, וואָס איז מיטאַמאָל געוואָרן אַ לעבעדיק יתומהלע.

אמת, די ערשטע עטלעכע וואָכן איז געפאַלן שווער דאָס אַרומפּאַדען אַרום דעם קינד אויף די עלטערע, אויסגעהאָרעוועטע מענטשן. דערצו נאָך איז דאָס מיידעלע זיי געווען אַביסל פרעמדלעך. ס'האָט פאָרט געפּלייצט אין איר טאַטנס בלוט. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיך די לעווינס צוגעוואוינט צו איר און האָבן איינגעזען, אַז ס'איז דאָך פאָרט זייער אייגן בלוט און פלייש, און האָבן אָנגעהויבן דערציען דאָס ווי אַן אייגן קינד.

* * *

דער טראַמווײ האָט זיך דערוויל געוויגט אויף די רעלסן, געלעקט די גלאַנציקע שטאָלענע שינעס און געשלעפּערט דעם מידן מייער לעווינען אַזוי לאַנג, ביז זיין גרויער קאָפּ האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן ברוסטקאַסטן. דאַמאָלסט האָט זיך שרה צוגעבויגן צו אים און מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט אין האַנט אַ טרייסל געטאָן:

— מייער! מייער, שלאָף ניט איין. דער שפּיטאָל איז נאָענט. מען דאַרף שוין באַלד אַראָפּגיין.

מייער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן חלום. ער האָט אַ טרייסל געטאָן דעם קאָפּ. אַ ווײלע אַרומגעקוקט זיך. דערזען אַז ער זיצט אין טראַמווײ און אַלע פּאַסאַזשירן האָבן אויף אים געקוקט און געשמייכלט, האָט ער זיך פאַרשעמט. אויף גיך אויסגעריבן די אויגן, פאַרטריבן פון זיך דעם שלאָף וואָס איז אים באַפאַלן אַזוי פּלוצים. אַ קוק געגעבן דורכן פענצטער, באַמערקט די הויכע געביידע פון שפּיטאָל, האָט ער גענומען מערעלען פאַר אַ הענטל און זיי זיינען אַרויס פון טראַמווײ.

אינם גרויסן וואַרטזאַל זיינען היינט געווען אַ סך באַזוכער. מייער לעווין, שרה און זייער אייניקל זיינען צוגעגאַנגען צום שרייב-טיש, וואו אַ פרוי האָט פאַרצייכנט זייער נאָמען און דעם נאָמען פון דעם חולה ווּעמען זיי זיינען געקומען באַזוכן. די פרוי האָט זיי געהייסן דערווײלע אַוועקזעצן זיך און וואַרטן.

די קליינע פאַמיליע האָט זיך אַוועקגעזעצט און לעווין האָט זיך אַרומגעקוקט: דער גרויסער זאַל איז געווען אַ טיפער און אַ הויכער. דריי ווענט זיינען געווען געפאַרבט אויף אַ טונקל-גרויען קאָליר. די פערטע וואַנט האָט זיך ניט

געזען. דער מיטן זאַל האָט איבערגעצאַמט אַ גרעגראַטעוועטער זאַם. צו יענער זייט גראַטעס האָט מען אַלע ווײַלע צוגעפירט קראַנקע פרויען, אַז זיי זאָלן קאָנען זען דעם גאַסט, אָדער די געסט וואָס זיינען געקומען זיי באַזוכן.

מיטאַמאָל איז לעווין אויפגעשפרונגען פון בענקל. אויך שרה איז אויפגע־שטאַנען און צוגעפירט מערעלען צו די גראַטעס. אויף דער אַנדער זייט איז געשטאַנען אַ יונגע פרוי אַרום פינף־און־צוואַנציק. איר פּנים איז געווען לענגלעך, די נאָז, אַ גלייכע, ווי אַן אויסגעשניצטע האָט אַרויסגעחנדלט פון איר געזיכט. די טונקעלע אַליוו הויט האָט געפינקלט פון ריינקייט. אין אירע גרויסע, שוואַרצע אויגן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָט אַהער אין זאַל אַריינגעשאָסן גאַנצע זשמעניעס מיט זון־ליענטעס:

— קינד מיינס! — האָט שרה כמעט אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין — דאָס איז דאָך דיין טעכטערל!

אַ רגע האָט רעבעקא אָנגעקוקט דאָס קינד אירס וועמען זי האָט היינט דער־זען צום ערשטן מאָל זינט איר מאַן האָט זי אַהער אַריינגעגעבן מיט דריי יאָר צוריק. פון צווישן די גראַטעס האָט זי אַרויסגעשטעקט די אויסגעדאַרטע הענט, אָנגענומען דעם קינדס קעפּל און מיט אַ ווילדער זשעדנעקייט אָנגעהויבן קושן מערעלעס הערעלעך און פון רעבקעס אויגן האָבן אַ פּלייץ געטאָן טרערן ווי פון אַ שלוז, וואָס איז לויז געוואָרן און מען האָט דעם שטראָם ניט געקאָנט פאַרהאַלטן:

— מערעלע ! נשמהלע מיינע ! !

דאָס קינד איז בלאַס געוואָרן. אין איר הערצל האָט געפּלאַצט אַ קנויל, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען פאַרקנופּט און פאַרהאַרטעוועט, ווי דאָס קינד וואָלט ביז איצט מורה געהאַט צו וויינען פאַר דעם זיידן מיט דער באָבען אין די אויגן, כדי ניט וויטאָן זיי צופיל, און, אויך מערעלע האָט זיך מיט אירע קליינע הענ־טעלעך איינגעקלאַמערט אין דער מוטערס כאַלאַט און מיט פאַרטרערטע אויגעלעך געבעטן זיך ביי איר:

— מאַמעשי! וויין ניט, מאַמעשי!

— לאָז מיר דיך אָנקוקן, מיין קינד— האָט רעבעקא אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט דאָס קינד, אָפּגעטראָטן אויף אַ שפּאַן צוריק, כדי פונוויטן בעסער קאָנען זען איר טעכטערלס פול פנימל מיט די פאַרלאָפענע בלויע אויגעלעך: — דו ביזט אויס־געוואַקסן אַ שיינינקע, אַ געזונט אויף דיין קעפּעלע. איך האָב זיך אַלעמאָל טאַקע פאָרגעשטעלט, אַז אַזוי ווּעסטו זיין...

מאַמעשי — האָט זיך מערעלע נאָך אַלץ געבעטן ביי איר מוטער— הער אויף צו וויינען. איך בין אַ גוטע מיידעלע. פרעג ביי דעם זיידעניו מיט דער באָבעניו. איך לויף ניט אַרום אין גאַס און פאָלג וואָס מען הייסט מיך...

גוט אַזוי, מיין קינד. אַזוי דאַרף זיין... פאָלג טאַקע דעם זיידן מיט דער באָבען וועט דיר אַלעמאָל זיין גוט . . .

אויך מייער לעווין מיט זיין שרהן האָבן געוואָלט וויינען, פון דער דראַמאַ־טישע סצענע. נאָך דורך די דריי יאָר שטענדיקן וויינען האָט ביי זיי איצט ניט געסטייעט קיי טרערן אין די אויגן. זיינען ביידע געשטאַנען אַביסעלע פונוויטן און דערפילט ווי די הערצער זייערע ווערן צעריסן אויף טויזנטער שטיקלעך.

נאָר מערעלע האָט זיך איצט מער ניט אומגעקוקט אויף דער באָבען מיטן

זיידן. ווי אַ צוגעשמידטע צו די גראַטעס, האָט זי זיך מיט אַלע כוחות געקלאַ־מערט אין דער מאַמען און גערעדט דורך טרערן אין די אויגעלעך:

— מאַמעשי, איך וויל זיין דאָ מיט דיר אינאיינעם. איך וועל פון דאַנען ניט אַוועקגיין אָן דיר. אָן דיר איז מיר אומעטיק ביי דעם זיידן מיט דער באָבען...

רעבעקאַ, וואָס איז דורך די דריי יאָר אַביסל אויסגעהיילט געוואָרן פון איר מעלאַנכאָליע, האָט מיט זודיקע ליפּן געקושט דעם קינדס הענטעלעך. אַ מאָדנע אומערדישע פרייד האָט איר אַרומגענומען און אָנגעפילט איר האַרץ מיט גרעניצ־לאָזער גליק:

— ניין, מיין קינד, דו זאָלסט דאָ קיינמאָל ניט זיין! די דאָקטוירים זאָגן אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועלן זיי מיך אינגאַנצן באַפרייען. דאַמאָלסט וועל איך קומען צו דיר און מיר וועלן זיך שוין מער קיינמאָל ניט שיידן איינע פון די אַנדערע...

מיט גרויס קינדערשן אינטערעס האָט זיך מערעלע אַ ווײַלע איינגעהערט אין איר מוטערס רייד. אַ ווײַלע געקלערט וואָס צו טאָן, וואָס צו זאָגן איר און דערנאָך אָנגערופן זיך:

— טאָ לאָז מיר כאָטש טאַנצן פאַר דיר אַביסעלע — און ניט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער האָט זי זיך באַפרייט פון איר מוטערס הענט; געשטעלט זיך אויף די דזשיפּקעס פון אירע שיינע פיסעלעך און אָנגעהויבן טאַנצן.

— אמת, מאַמעשי, איך קאָן טאַנצן? דו ווייסט, מאַמעשי? ווען דו וועסט קומען אַהיים וועל איך ווערן אַ באַלערינע און דו וועסט אַנקוועלן פון מיר. איך האָב דיך ליב, מאַמעשי. דו ביזט דאָך אַזאַ שיינע און אַ גוטע . . .

נאָר איצט האָט שוין רעבעקאַ דאָס קינדס קולכל מער ניט געהערט. עס איז איר ווידער באַפאַלן די אַלטע מרה־שחורה. איר געדאַנק האָט זיך ווידער אַוועק־געטראָגן אין ווייטע און פרעמדע וועלטן, וואו פון אומעטום האָט אויף איר גע־לויערט די בייזווילי‌קע האַנט פון דער קאַלטער, אַכזריותדיקער וועלט, פון איר שלעכטן מאַן און פון די שפּיטאָל אויפזעער.

אַ היבשע צייט איז זי געשטאַנען הינטער די גראַטעס ווי אַ פאַרשטיינערטע. זי האָט טעמפּ געקוקט אויף איין פּינטעלע אין דער הויכער סטעלע און איר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז פון דאָרטן, פון אָט־דעם פּינטעלע — קוקן אויף איר הונדער־טער צעלופערטע אויגן. פאַרשיידנאַרטיקע אויסגעקרומטע פּנימער האָבן אַרויס־געשטעלט לאַנגע, רויטע צונגען. אויפגעריסענע, ציינערלאָזע מיילער האָבן גע־לאַכט און געלאַכט פון איר: וואָס האָסטו געטאָן מיט זיך?" און די אומגליקלעכע מוטער האָט אפילו ניט געהערט איר קינדס בעטן זיך:

— מאַמעשי, איך האָב מורא. קוק אויף מיר!

דער זייגער אויפן וואַנט האָט דערוויילע אויסגעשלאָגן דריי. דאַמאָלסט איז ווי אויסגעוואָקסן אַ וועכטערין מיט בייזע געזיכט־שטריכן נעבן רעבעקאַן. זי האָט דער קראַנקער אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם און אַוועקגעפירט אין איינעם פון די פילע פּאַלאַטעס וואָס האָבן זיך געפונען הינטער דער פאַרשלאָסענער טיר.

— מאַמעשי, מאַמעשי! גיי נישט אַוועק פון מיר ! . . .

אַז רעבעקאַ איז פאַרשוואונדן הינטער דער געלער טיר איז שרה צוגעגאַנגען צום אייניקל. ווען זיי זיינען דערנאָך אַרויס אין גאַס, האָט זיי די זון אַ בלענד געטאָן אין די אויגן. פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן אַ פריש ווינטל און אַ שפּיל

**פינטשע בערמאַן**

# איך ווייס...

איך ווייס, עס איז פאַראַן אַזוי פיל וויי;
איך ווייס, עס איז פאַראַן אַזוי פיל לייד—
פאַרוואָס-זשע בין איך האָפערדיק אַזוי ?
פאַרוואָס-זשע זינג איך שטענדיק נאָר פון פרייד?

איך ווייס, אַז ווען עס קומט אַרויס די זון,
פאַראַן אַ סך, וואָס קענען איר ניט זען—
פאַרוואָס-זשע טאַקע זינג איך ניט דערפון ?
ווי גראַטעס וואָלטן קיינמאָל ניט געווען ?

איך ווייס, פאַראַן אַ ברידערלעכער האַס,
און חיהשע פאַרלאַנגען אויף דער וועלט—
פאַרוואָס-זשע גיי איך האָפערדיק אין גאַס ?
פאַרוואָס-זשע איז מיין זעל אַזוי צעהעלט ?

ווייל פיין איז שוין אַזוי געוואָרן טיף,
ווייל ס'האָט שוין ניט דאָס הארץ אין מיר קיין טרער,
קוק איך, ווי דער גורל טוט אַ שטיף,
זע איך ווי דאָס לעבן ווערט דאָ לער—

זינג איך זיך פאַנאַנדער אָט אַזוי,
אפשר וועט דערגרייכן וואו מיין קול,
און שטילן וועט פון לעבן זיך דער וויי,
און לינדערן די ליידן וואו צומאָל.

גייען מיינע פיס אַוועק אין טאַנץ,
ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין אַ ווינט—
אפשר וועט זיך ווייזן וואו אַ גלאַנץ . . .
אפשר וועט אַ שמייכל טאָן אַ קינד. . .

בין איך טאַקע האָפערדיק אַזוי,
זינג איך טאַקע שטענדיק יאָר פון פרייד,
ווייל כ'ווייס עס איז פאַראַן אַזוי פיל וויי,
ווייל כ'ווייס עס איז פאַראַן אַזוי פיל לייד.

---

געגעבן זיך מיט מערלעס גאָלדענע הערלעך און צו ווייסן געגעבן, אַז דער טאָג איז נאָך אַ גרויסער, אַז אַלץ איז נאָך ניט פאַרלוירן. דאָס קינד, אַביסל אַ באַרואיקטע, האָט זיך געטוליעט צום זיידן מיט דער באָבען, וואָס זיינען מיט פאַרקלעמטע הערצער און געבויגענע קעפּ געגאַנגען נעמען אַ טראַמוויי מיט איר פאָרן צוריק צו זיך.

י. פרידלאַנד

# מיט דעם כוח פון פאַנטאַזיע

(שרייבער און ווערק — עסיי)

די פאַנטאַזיע אין אַלע אירע דערשיינונגען, פאַרנעמט אַ זייער בכבודיקן אָרט אין דעם מענטשלעכן לעבן. כוח הדמיון איז אַ גרויסע זאַך.

ווי זאָגט ערגעץ ערנסט טאָלער, באַרימטער יידיש-דייטשישער שריפט-שטעלער: „ווער עס האָט ניט קיין כוח צום חלום, האָט נישט קיין כוח צום לעבן." וואָרעם, באמת, די וואָס זיינען באַשאָנקען מיט דער געטלעכער מתנה פון וויזיע, פון פאַנטאַזירן און חלומען פון שיינע זאַכן, אויסמאָלן פאַר זיך פאַנטאַסטישע וועלטן און דערשיינונגען; די האָבן פון דעם אַ גרויסע גייסטיקע באַפרידיקונג און דערהויבונג . . . אויב די אייגנשאַפט פון וויזיע און פאַנטאַזיע איז פאַראַן ביי דעם דורכשניט מענטשן, על אחת כמה וכמה, איז עס אַ שטאַרק אַנטוויקלטער אַטריבוט ביים שרייבער, דיכטער און שעפערישן מענטשן, וואָס איז אין שטענ-דיקן דראַנג און הייפער צו שרייבן, צו שאַפן. וועגן אונדזער באַרימטן שלום-עליכמען, דערציילן זיינע ביאָגראַפער, אַז ער האָט געשריבן ביי אַלע געלעגנהייטן, אומעטום וואו ער האָט זיך נאָר געפונען: פאָרנדיק אין דער באַן, ביי זיך אין שטוב און צו גאַסט. ער האָט תמיד געשריבן, יעדן מאָמענט פון זיין וואַך זיין.

ס'האָט אַמאָל אַ גרויסער שרייבער זיך אויסגעדריקט, אַז שרייבער, דיכטער און קינסטלער האָבן אַ זעקסטן חוש, און דאָס איז דער חוש פון וויזיע און פאַנ-טאַזיע, מיט וועלכער ער שילדערט און מאָלט אויס פאַר זיך זיין אויסגעטראַכט וועלטל. די אומרו פון שרייבער און זיין שטענדיקער דראַנג צום שרייבן, דאָס איז דער שרייבערשער שד, ווי ל. שאַפּיראָ רופט עס אָן, וואָס לאָזט דעם שרייבער נישט צורו.

דערלויבט מיר ברענגען אַ פּאָר אילוסטראַציעס צו באַגרינדן מיין טענות מכוח דעם כוח פון פאַנטאַזיע ביים מענטשן און גאָר באַזונדער ביים שרייבער:

מיר זיצן, למשל, אין אַ „סינעמאַ", פאַר אונדז ווערן געוויזן שיינע נאַטור בילדער; געדיכטע וועלדער, טיף באַשנייטע בערג. צוזעענדיק די וועלדער און די שניי-בערג, די דורכלויפנדיקע נאַטור-בילער, טראַכטן מיר גאָרניט אויפן מאָמענט, אַז אַלץ וואָס מיר זעען אויפן לייוונט זיינען, גאָר אָפט מאָל, גאָרניט קיין רעאַלע זאַכן; אין אַ סך פאַלן זיינען דאָס געמאָלענע לייוונטן, פּאַפּירענע סצענעס, געקינסטלטע רעקוויזיטן פון די פילם סטודיאָס! און אויב מיר זעען נאָך אויפן לייוונט קונציקע געוואַגטקייטן פון אַן אַקטיאָר, וואו זיין טויט זעט אויס צום אונדז אומפאַרמיידלעך, פאַרגעסן מיר אויפן מאָמענט, אַז אַט-דער מסירות-נפשדיקער אַקטיאָר איז גאָר אַ נאָכהאַמונג פון אַ מענטש, אַ „דאַמי"! דער איינ-דרוק אָבער בלייבט ביי אונדז, ווען מיר זעען עס אויפן לייוונט, זעען מיר עס ווי אַ רעאַל בילד. דאָס אייגענע איז פון אַנדערע פאַנטאַסטישע, אויסגעטראַכטע

זאַכן, דראַמאַטישע איבערלעבונגען, וואָס דער סצענאַריאָ שרייבער האָט אויסגעפאַנטאַזירט. דער צוקוקער און צוהערער ווערט אָבער פאַרכאַפּט פון אַט־די האַנדלונגען. אויב דאָס בילד האָט אין זיך די עלעמענטן פון רעאַלן לעבן, איז ער, דער צושויער אָדער דער לייענער, צופרידן, און האָט די גייסטיקע הנאה פון דאָס געזעענע אָדער געליינטע.

די וואָס זיינען באַקאַנט מיט דעם צוזאַמענשטעל פון אַ ציטונג וויסן, אַז די רויע מאַטעריאַלן אָדער שטיקלעך און ברעקלעך וועלכע ווערן באַנוצט ביים צוזאַמענשטעלן — סיי די נייעס וואָס דער ציטונגס רעפּאָרטער ברענגט אַריין, אָדער די אַנדערע „פיטשורס“, וואָלטן גאָרניט געווען אַזוי אינטערעסאַנט פאַרן לייענער אין דער רויער פאָרמע, ווי זיי זיינען געבראַכט געוואָרן לכתחילה. ס'איז דער כוח פון דעם טאַלאַנטפולן שרייבער, וואָס האָט עס צוגעפוצט און פאַרפיינערט: מיט זיין וויזיע און פאַנטאַזיע, מיט זיין אייגנאַרטיקן סטיל און זאַפטיקן לשון, האָט ער עס פון דעם טרוקענעם רויען מאַטעריאַל געשאַפן אַ פאַרכאַפּנדיקע באַשרייבונג, וואָס האָט דעם לייענער פאַראינטריגירט און, ער האָט הנאה געהאַט דאָס לייענענדיק. ווער שמועסט שוין, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ ליטעראַריש בעלעטריסטישע שאַפונג פון אַ העכערער מדרגה, וואָס ווערט באַגלייט מיט בילדלעכקייט, אימאַזש און פאַנטאַזיע . . .

פונקט ווי די פילם־סטודיאָ ברענגט צענויף כלערליי רעקוויזיטן, חפצים, כדי אויפצושטעלן אַ וואַלד, אַ שניי־באַרג אָדער אַ וואונדערלעך פאַנטאַסטישן פּאַלאַץ; אויך אויף אַזאַ אופן זאַמלט דער שרייבער־בעלעטריסט אין דער אַרומיקער סביבה וואו ער לעבט, פיצלעך און ברעקלעך עפּיזאָדן, פרעמדע און אייגענע איבערלעבונגען, וואָס ער רופט אַרויס פון זיין זכרון, לייטערט זיי דורך אין זיין מוח; באַאַרבעט זיי מיטן כוח פון זיין פאַנטאַזיע און דערפאַרונג, ביז עס באַקומט זיך אַ פאַרטיק פאַרכאַפּנדיק רעאַל ווערק...

די גרויסקייט פון איינעמס טאַלאַנט באַשטייט ניט גראַדע אין דעם, וואָס ער אַליין האָט אין זיך בעסערע מאַטעריאַלן אָדער טעמעס פון אַן אַנדערן. ניין, מער איז גרויס איינעמס טאַלאַנט מיט דעם, ווען ער באַזיצט דעם פיינעם חוש פון קונסט, אויסצוקלייבן די פּאַסנדיקע רויע מאַטעריאַלן פאַר זיין שאַפונג; צונויפזאַמלען די געדאַנקען, אידייען, עפּיזאָדן און איבערלעבונגען, מעגן זיי זיין אפילו ניט אייגענע איבערגעלעבטע; אָבער, ווען ער פילטרירט און באַאַרבעט זיי דורך דעם מעדיום פון זיין אייגענעם לשון, אייגנאַרטיקן סטיל און פאָרם, באַקומט זיך עס דאַן ביי אים אַ פאָלקאָם געראָטן, אָריגינאַל ווערק, וואָס לייענט זיך מיט חשק און גייסטיקע הנאה.

עס זיינען פאַראַן ביי אונדז פסעוודאָ־קריטיקער, וואָס זיינען מיט דער מיינונג, אַז נאָכדעם ווי ס'איז שוין פאַרפאַסט געוואָרן „שיר־השירים“ און „קהלת“ איז שוין מער ניטאָ וואָס צו זאָגן און צו שרייבן. וואָרעם וועגן ליבע און וועגן די זינלעכקייט פון לעבן האָט שוין אונדזער גרויסער שלמה החכם געשריבן און, די אַלע ראָמאַנטיקער און ליבע באַזינגער, אַלע גרויסע שעפער נאָך אים, האָבן

שוין געמעגט פאַרוואָרפן זייערע פעדערס אָדער שרייב־מאַשינקעס. „אין חדש תחת השמש״—האָט געזאָגט קהלת — נישטאָ קיין נייעס אונטער דער זון; אַלץ איז שוין געווען אויף דער ערד און איז שוין געזאָגט געוואָרן. אָ, ווי אָרעמער אונדזער ליטעראַטור, קולטור און ציוויליזאַציע וואָלט היינט אויסגעזען, ווען מען וואָלט געהאַלטן זיך ביי דעם דאָזיקן מאמר און אָנגענומען אָט דעם „סטאַטוס קוואָ״ פון אַמאָל. . .

וועגן ליבע און וועגן דעם זין פון לעבן האָט מען געשריבן זינט מען האָט דערפונדן דעם אופן און קונץ פון שרייבן, און דאָך שרייבט מען עד היום און מען וועט שרייבן וועגן די ענינים, ביז דעם סוף פון אונדזערע טעג . . .

ניין, אויפנעמען אַ געדאַנק, אַן אידייע, וועלכע אַנדערע האָבן שוין פריער אַרויסגעבראַכט, איז לחלוטין נישט קיין עוולה, אויב נאָר דער שרייבער אַנט־וויקלט די טעמע בעסער, פאַרטיפטער, באַרייכערט זי מיט פרישן שוואונג, טראָגט אַריין אַ פרישן און נייעם סטיל, וואָס די זאַך באַקומט גאָר דאַן אַ נייעם לבוש און ווערט מיט דעם פאַרשענערט, באַרייכערט און פאַרבעסערט. דאָס איז אַזוי ווייט פון נאָכהאַמען ווי, לאָמיר זאָגן, צוגרייטן אַ געשיכטלעכע עסיי און באַנוצן זיך מיט די נויטיקע היסטאָרישע פאַקטן פון אַנדערע געשיכטע פאָרשער; אָדער אָנצושרייבן אַ רעצענזיע איבער אַ בוך און ציטירן פון דעם זעלביקן בוך; וואָס דורך דעם מאַכט דער רעצענזאַנט דאָס באַטרעפנדיקע בוך נאָך אינטערעסאַנטער און קלאָרער.

עס איז שוין היינט קלאָר פאַר אַלעמען, אַז די שענסטע ליטעראַרישע דראַ־מאַטישע און פאָעטישע ווערק זיינען ס׳רוב געבויט אויף שטיקלעך לעגענדעס און פאָלקס־מעשיות ווי, למשל, לאָנגפעלאָוס „הייאַוואַטאַ״; אַנסקיס „דיבוק״; יוסף אָפּאַטאָשוס ראָמאַנען, „רבי עקיבא״, און „בר־כוכבא—דער לעצטער אויפ־שטאַנד״; ה. לייוויקס „גולם״ ליאָן פויכטוואַנגערס ביבלישער ראָמאַן „יפתח און זיין טאָכטער״, אָדער טאָמאַס מאַנן ראָמאַן „יוסף אין מצרים״. אָט־די דערמאָנטע ווערק זיינען נאַטירלעך געבויט אויף מאָמענטן, לעגענדעס און געשעענישן פון אונדזער געשיכטע. זיכער זיינען די האַנדלונגען פון די פּערסאָנאַזשן און די פּאַסירונגען, סיי די רעאַלע און סיי די לעגענדאַרישע, נישט געווען פונקט אַזוי שיין און פאַנטאַסטיש ווי די דיכטער און שרייבערס האָבן זיי פאַר אונדז געמאָלן? געוויס ניט! אָבער דעם קינסטלערס כוח און פאַנטאַזיע ווי אויך זיין פיינער חוש פאַר אָפּקלייב, זאָגט אים שוין אונטער, אַז אָט־די לעגענדע אָדער היסטאָרישע פּאַסירונג פאַרמאָגט אין זיך דעם פּאָטענציעלן מאַטעריאַל, פון וועלכן עס קאָן זיך באַשאַפן אַן אינטערעסאַנט ווערק. נאַטירלעך, דאַרף עס זיין מער ווינציק געטריי צום אמת, עס זאָל זיך לייגן אויפן שכל!

דער באַרימטער רוסישער שרייבער, דאָסטאָיעווסקי, האָט ערגעץ אַ כאַראַק־טעריסטישן זאָג: „די גאַנצע קונסט — זאָגט ער — באַשטייט אייגנטלעך אין אַ געוויסער מאָס פון איבערטרייבן. אָבער... מע דאַרף זיך היטן נישט איבער־צוכאַפּן די מאָס . . .

אַלע ווייסן, אַז שרייבער, דיכטער און קינסטלער זיינען אין שטענדיקן געיעג נאָך אַ טעמע. צי די טעמע, איבער וועלכער ער נעמט זיך שאַפן, איז געבויט אויף שטיקלעך און ברעקלעך פון זיין זכרון, פון וועלכע ער בויט דערנאָך אויף אַ גרויסע נאָוועלע, צי ס׳איז מאָמענטן, עפּיזאָדן און איבערלעבונגען פון וועלכע עס האָט זיך באַשאַפן אַ דערציילונג; איין זאַך איז באַשטימט קלאָר, אַז אָן דעם כּוח פון דעם שרייבערס דמיון און פאַרבנרייכע פאַנטאַזיע, וועט קיין ווערק נישט קענען טראָגן אויף זיך דעם חותם פון עכטער קונסט.

ווען מע פרעגט דעם נאָוועליסט: צי זיינען טאַקע אַט־די אַלע שילדערונגען זיינע פון אים אַליין איבערגעלעבטע, צי גאָר אויסגעטראַכטע? וועט ער אייך זאָגן, אַז נישט תמיד איז עס אַזוי; כאָטש דאָס איז טיילוויז ריכטיק! מחמת דער שרייבער און זיין ווערק איז איינס און אומצוטיילבאַר! — „אַ נאָוועלע — זאָגט דער באַרימטער אַמעריקאַנער שרייבער, וויליאַם דזשיימס — איז אין ברייטסטן זין, אַ פּערזענלעכע אימפּרעסיע פון לעבן.“ דאָס מיינט דווקא ניט, אַז דער שרייבער מוז אַליין דורכמאַכן די דראַמאַטישע איבערלעבונגען פון זיינע העלדן און פּערסאָנאַזשן! ער קאָן יאָ און ניט זיין דערביי; דער עיקר אָבער איז, וואָס מיט דעם כּוח פון זיין פאַנטאַזיע און טאַלאַנט, סינטעזירט ער די האַנדלונג אין איין האַרמאָנישער גאַנצקייט, פון וואָס עס באַשאַפט זיך זיין פאַרטראַכט אָריגינאַל ווערק.

---

ל. בערקאָוויטש *)

# נאָר יענער מעג האָפן

(סאָנעט)

נאָר יענער וואָס וואַגט זיין געווויסן ניט שטילן,\
וואָס לאָזט פון זיין „קול דממה דקה“ זיך פירן;\
נאָר יענער מיט האַרץ פון אַ קינד, און אַ ווילן\
צו שטור׳מען מיסטעריע׳ס פאַרריגלטע טירן —\
נאָר וואָס גרייט איז זיין פרעגנדן מוח\
פון גלויבן און אומגלויבן בלינדן, באַפרייען;\
וואָס גרייט איז אויף האַרצנ׳ס בטחון, און כּוח\
פון גייסט זיך אָנלענען, און גרייט איז אויף נייע\
און דאַרנדיקע וועגן פון ליידן זיך לאָזן,\
און ס׳פייער פון אייגענעם ווילן צעבלאָזן —\
נאָר יענער מעג האָפן... נאָר יענער וועט גרייכן\
דעם אמת וואָס טליעט אין טונקלסטן נידער,\
דעם אמת וואָס שטראַלט אין די ליכטיקסטע הייכן\
פון אונדזערע הערצער... אָ, מענטשן! אָ, ברידער!

---

*) פון די פאַרבליבענע שאַפונגען פונם יונג־פאַרשטאָרבענעם דיכטער.

ברכה קודלי

# צו דער האַרף

(לכבוד דעם קאָנקורס פון האַרפן־שפּילער אין ירושלים)

ווי אַ פּיראַמיד—
שטייסטו געשפּאַנט אין מיסטישקייט פון אָריענט
אָנגעלאָדן מיט זיסן זאַפט פון פייגן־בוים,
דיינע צאַרטע צעציטערטע קלאַנגען
פאַרכישופן,
ווי דער צויבער פון אַ ניט דערגרייכטן טרוים.

אין דעם פליסטער וואָס וויברירט
אין דיינע דינע ניואַנסן
ביזטו דער פאַרחלומטער
אין דער משפחה פון סטרונע כלי־זין.

עפּעס כליפּעט
אין דיינע שטאָלצע גלידער
און ווי ס'טוט ווי אַן אָפּגעטאַרטער גלויבן,
אַזוי טוט ווי די בענקשאַפט
וואָס דו וועקסט,
ווען דיינע טענער
זיינען ווי דאָס וואָרקען פון טויבן.

עפּעס ניט דערזאָגט
און עפּעס באַפליגלט
איז אין דיין מינאָר,
אפשר איז עס דער באַריר
פון אַ יידישן מלך,
וואָס הייליקט אין דיר פאַרזיגלט.

דער רייץ וואָס דו וועקסט
אין מיין אָפּקלאַנג
קען איך ניט אינגאַנצן אַנטפּלעקן —
וויגט זיך אין דרימל מיין וואָרט,
וויגט זיך אין כישוף פון דיין פאַרחלומטן אַקאָרד.

ד"ר דוד רעבעלסקי

# לייענענדיק די ביז איצט דערשינענע נומערן „חשבון"

עס איז אַ גוטער סימן פאַר יידן אין אַמעריקע: די יידישע מעטראָפּאָליע אויפן פּאַסיפישן ים האָט אָנגעהויבן קאָנקורירן מיט דער יידישער מעטראָפּאָליע אויפן אַטלאַנטישן ים. — לאָס אַנדזשעלעס קעגן ניו־יאָרק. און דווקא אויפן באָדן פון יידישן המשך: אויפן געביט פון אָרגאַניזירן דאָס יידישע קהילה לעבן, אויפן געביט פון יידיש־העברעאישער דערציאונג און אויפן געביט פון יידישן קולטורעלן אויסלעבן זיך.

אויף די אַלע דריי געביטן שפּרייזט לאָס אַנגעלעס פאָראויס מיט ברייטע און זיכערע טריט. עס מאַכט דעם בפּירושן איינדרוק, אַז אירע געזעלשאַפטלעכע טוער נעמען די איניציאַטיווע און עקספּערימענטירן, דרייסט און עקשנותדיק, מיט נייע מעטאָדן און גייען אויף ניט אויסגעטראָטענע וועגן.

אַזוי אַרום האָט שוין לאָס אַנגעלעס די ערשטע יידישע קהילה, וואָס נעמט אַרום און צענטראַליזירט אין זיך אַלע אַלגעמיינע יידישע טעטיקייטן, איינשליסנדיק דעם „וועלפעיר־פאַנד", די ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג און די פאַרטיידיקונג פון יידישע אינטערעסן לגבי דער אַלגעמיינער, ניט־יידישער באַפעלקערונג.

עס איז שוין עטלעכע יאָר זייט עס איז אין לאָס אַנגעלעס עטאַבלירט געוואָרן אַ קאָלעדזש פאַר העכערע יידישע וויסנשאַפטן, וואָס דעראָבערט יעדעס יאָר אַלץ מער סטודענטן און געווינט אַלץ גרעסערן אָנזען און פּרעסטיזש. די „ביוראָ פאַר יידישער דערציאונג" איז שוין פון לאַנג אַן איינגעפונדעוועטע אינסטיטוציע אין דער שפּיץ פון וועלכער עס שטייען וויכטיקע פּעדאַגאָגן און אַדמיניסטראַטאָרן. די ביוראָ קאָנטראָלירט אַ נעץ פון איבער 70 שולן מיט מער ווי 11,000 תלמידים.

און אַחרון־אַחרון: עס זיינען נאָר וואָס געוואָרן 33 יאָר זייט עס עקזיסטירט דאָרט דער יידישער קולטור־קלוב, וואָס איז אַן אמתער און אויטענטישער בית־ועד לחכמים. ער איז באַוואוסט מיט זיין פאַרטיפטער קולטורעלער אַרבעט, מיט זיינע גלענצענדע לעקציע־פאָרומס און מיט זיין פריידיקער און ענטוזיאַסטישער גאַסטפריינדלעכקייט צו יידישע שעפערישע כוחות: שרייבער, פּאָעטן, קינסטלער מכל המינים, געלערנטע, דענקער און געזעלשאַפטלעכע טוער פון פאַרנעם. מען קען אָן גוזמא זאָגן, אַז ס'איז נישטאָ אין גאַנץ אַמעריקע קיין איין שעפערישע קראַפט אויפן געביט פון יידישער קולטור, וואָס איז ניט געווען קיין גאַסט פון אָט־דעם דאָזיקן קולטור־קלוב. ס'איז אַן אמתע ברכה פאַר די יידישע יידן אין לאָס אַנגעלעס צו האָבן אַזאַ צענטער. ער קען און זאָל בפּירוש דינען אַלס מוסטער פאַר אַנדערע יידישע קהילות אין אַמעריקע.

און אָט־דער יידישער קולטור־קלוב, וואָס איז געוואָרן אַ שם־דבר כמעט איבערן גאַנצן אַמעריקאַנעם קאָנטינענט, האָט זיך דאָס פאַרנומען מיט 12 יאָר צוריק (אין 1946) אַרויסצוגעבן ביי יעדער חשובער היסטאָרישער געלעגנהייט פאַר קאַליפאָרניער יידן אַ בוך מיטן נאָמען „חשבון". אָט פון די ביכער, וואָס פלעגן אַרויסגיין געוויינלעך איינמאָל אַ יאָר, איז דאָס אַרויסגעוואַקסן דער

„חשבון" פון היינט, וואָס איז געוואָרן אַ רעגולער פערטל־יאָר שריפט און האָט שוין זוכה געווען אַרויסצוגעבן 17 נומערן, וואָס זיינען אָנגעפּיקעוועט מיט חשובן ליטעראַריש־קריטישן מאַטעריאַל: דערציילונגען, עסייען, פּאָעזיע, זכרונות, אי־בערזיכטן, נאָטיצן און באַריכטן פון לאָקאַלע יידישע אינסטיטוציעס.

איך גלויב דעריבער אַז עס איז אַ געזעלשאַפטלעכער חוב צו מאַכן אַ שטיקל חשבון פון "חשבון". ער ווערט איצט אַרויסגעגעבן פון „לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער קרייז" ביים זשורנאַל. דער נאָמען „חשבון" האָט אַ שטענדיקן אונטער־קאָפּ וואָס לויטעט: „פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור, קריטיק און קולטור־פּראָבלעמען"; דער רעדאַקטאָר איז י. פרידלאַנד, בעלעטריסט און קולטור־טוער, וועלכער ווייזט אַרויס ניט נאָר גרויסע אַרבעטס־פעאיקייט נאָר אויך אויסגעצייכנטן רעדאַקטאָרישן געשמאַק. דער רעדאַקציע־ראַט באַשטייט פון: וויליאַם נאַטאַנזאָן, דער פילאָזאָפישער עסייאיסט, און נח גאָלדבערג, דער פאַרדינסטפולער ראָמאַניסט און דערציילער.

דער „אני־מאמין" פון דער פערטל־יאָריקער שריפט איז נאָך בולט אַרויס־געבראַכט געוואָרן אין סאַמע ערשטן נומער: „העלפן שטיצן אַלץ וואָס איז יידיש, נאַציאָנאַל און קולטורעל; האַלטן הויך די יידישע קולטור־אַספּיראַציעס, העלפן דערהויבן דעם יידישן קולטור־מצב און טריי זיין די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, וואו און אין וועלכן לאַנד זיי זאָלן ניט זיין." (נאָך דעם אויפקום פון מדינת ישראל איז צו דער קרעדאָ צוגעקומען אַ צוגאָב): „נאַטירלעך, איז די עטאַבלירונג פון אונדזער אידישער מלוכה, ישראל, פאַר אונדז ווי פאַר דעם רוב מנין ובנין פון יידישן פאָלק, אַ גרויסע היסטאָרישע געשעעניש, וועלכע מיר האַלטן פאַר זייער הייליק און שטאַרק אינספּירירנדיק."

אָט־די אָנגעצייכנטע פּראָגראַם איז אויסגעהאַלטן אין אַלע דערשינענע נומערן מיט גרויס קאָנסעקווענטקייט. נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל קומט אַרויס די רעדאַקציע מיט דער פעסטשטעלונג, אַז די שריפט איז אַן איבער־פּאַרטייאישע, און יעדער וואָס האָט עפּעס צו זאָגן וויכטיקעס און וואָגיקעס, איז פולשטענדיק ווילקאָמען.

האָבן זיך טאַקע אין די אַלע נומערן באַטייליקט עטלעכע צענדליק פון די סאַמע פאַרנעמסטע יידישע גייסט־מענטשן: דערציילער עסייאיסטן, קריטיקער, זכרונות־שרייבער, קינסטלערישע פאַכמענער, קולטור־עסקנים. עס געפינען זיך אין די נומערן „חשבון" אַ פּאָר צענדליק חשובע דערציילונגען, אַ שלל לידער, עטלעכע וואָגיקע עסייען. ספּעציעל רייך איז די אָפּטיילונג פאַר ליטעראַטור־קריטיק און קונסט־קריטיק. דער שרייבער פון די שורות האָט דאָרט געלייענט אינהאַלטרייכע אָפּהאַנדלונגען וועגן: ה. רויזענבלאַטן, חיים גראַדען, ה. לייוויקן, דוד פּינסקין, י. ל. פּרצן, נח גאָלדבערגן, חיים נחמן ביאַליקן, חיים גרינבערגן, א. לוצקין יעקב גלאַטשטיינען, אַברהם רייזענען, י. ח. ברענערן, מאַרטין בובערן; די פּאָעטעסינס: רחל (ישראל), מלכה חפץ־טוזמאַן, רחל קאָרן, די קינסטלער: מאַקס באַנד, בערל סאַט, און נאָך און נאָך.

ספּעציעל געוויכט ווערט אין „חשבון" געלייגט אויף צוויי פּראָבלעמען:

די ערשטע — די לאַגע פון דער יידישער שפּראַך־אַסימילאַציע, און די

צווייטע — די אַמביוואַלענטע באַציאונג צווישן דער יידישער פּראָווינץ און דער יידישער ניו־יאָרק. וועגן דער ערשטער פּראָבלעם ווערן איבערגעחזרט, עמפּאַטיש און מיט צאָרנדיקן וויטאָג, די פאַקטן וואָס מיר אַלע ווייסן, דהיינו: אַז אין די לעצטע 10-15 יאָר האָבן זיך געשלאָסן אַלע טעגלעכע און וועכנטלעכע יידישע צייטונגען אין אַלע גרעסערע שטעט אין אַמעריקע, און די יידישע שפּראַך איז אַזוי אַרום אינגאַנצן אַראָפּ פון דער עפנטלעכער אַרענע פונם יידישן לעבן.

דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" פילט דעם בזיון נאָך ווייטאָגדיקער ווען ער ווייזט אָן אַז אין די צענטראַל און דרום אַמעריקאַנער רעפּובליקן, וואו די יידישע באַפעלקערונג איז פיל קלענער, היטן די ישובים נאָך אַלץ אָפּ מיט מסירת נפש דאָס „יידישע מויל", און עס דערשיינען טעגלעכע און וועכנטלעכע צייטונגען און זשורנאַלן, אָבער אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָבן יידישע פּראָווינץ שטעט, מיט באַפעלקערונגען פון הונדערט און צוויי הונדערט טויזנט יידן, אויפגעגעבן דעם קאַמף, בתוכם אויך לאָס אַנגעלעס, וועלכע האָט ערשט ניט לאַנג געהאַט אַ יידישע טעגלעכע צייטונג.

ענטפערנדיק אויף א. גאָלאָמב׳ס וויי־געשריי, וואָרום אין אַ שטאָט, ווי לאָס אַנגעלעס, מיט אירע קרוב צו פיר הונדערט טויזנט יידן, ווערט ניט געמאַכט קיין פּרואוו אַרויסצוגעבן כאָטש אַ וועכנטלעכע צייטונג; שרייבט דער רעדאַקטאָר פון „חשבון", י. פרידלאַנד:

„דער ענין איז ניט אַזוי פּשוט, פריינד גאָלאָמב! עס זיינען פאַראַן גאַנץ באַשטימטע, ספּעציפיש פּסיכאָלאָגישע באַדינגונגען אין דער יידישער אַמעריקע, וואָס האָט דערפירט צו אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלן און האַרבן מצב... די שפּראַך־אַסימילאַציע האָט לגמרי באַהערשט דעם רוב פון היגן יידנטום, דאָס אפילו אויף אונדזערע גרויסע יידישע פאָלקס־פאַרזאַמלונגען ווערט פון די יידישע טריבונעס יידיש כמעט ווי ניט דערמאָנט... די שרייבער אַליין האָבן ניט דעם כוח און ניט די מיטלען פאַר אַן איניציאַטיוו. פון דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז מיר׳ן זיך אָנשלאָגן אין אַ שטיינערנער וואַנט."

עס איז מערקווירדיק, אַז אויך די צווייטע, די „ייִנגערע" פּראָבלעם, ווערט פון טאָג־צו־טאָג אַלץ ווייטאָגדיקער און אָנגעשוואָלענער, און דאָס איז די אַמביוואַלענטע באַציאונגען צווישן דער יידישער פּראָווינץ און דער יידישער ניו־יאָרק. פון איין זייט ציט מען זיך אין דער פּראָווינץ צו ניו־יאָרק און מען בענקט נאָך איר, שיעור ניט ווי די דריי שוועסטער ביי טשעכאָוו בענקען נאָך מאָסקווע. פון דער צווייטער זייט אָבער באַקלאָגט מען מען זיך, אַז ניו־יאָרק איז נאָר מסוגל צו „נעמען" אָבער ניט צו געבן. זי גיט ניט די דערוואַרטעטע פירערשאַפט און באַציט זיך מיט ביטול צו די אָנשטרענגונגען, וואָס די פּראָווינץ אַליין מאַכט.

דער רעדאַקטאָר פון „חשבון" קלאָגט: „וואָרום קוקן מיר כסדר צו גרויס־ניו־יאָרק און דאָ האַלטן מיר זיך אַליין מער פּראָווינציעל, ווי מיר זיינען עס באמת? האָט ניו־יאָרק ווען עס איז עפּעס געטאָן פאַר דער פּראָווינץ, חוץ כסדר געפאָדערט און גענומען?"

מרדכי דאַנציס ע״ה, וואָס האָט זיינע אמתן שטענדיק אַרויסגעזאָגט מיט טעמפּעראַמענט, אָפּטמאָל מיט ברוטאַלע אָפנקייט, האָט אַמאָל אַזוי פאָרמולירט (אין טאָג״) די טענות פון דער פּראָווינץ צו ניו־יאָרק:

„איר ניו־יאָרקער, קוקט אויף אונז פון די קלענערע ישובים ווי אויף „יאָקלס.״ איר שיקט אונז אייערע משולחים פון די הונדערט און איין אָרגאַניזאַציעס, פּאַרטייען און אינסטיטוציעס, וואָס איר פאַרמאָגט, אַז מיר זאָלן אייך געבן געלט. נו, קומט אייערער אַ רעדנער, האַלט פאַר אונז דרשות, כאַפּט אַריין אַ באַנקעט, זאַמלט צונויף די אַפּותיקא — און דערמיט ענדיקט זיך עס. דער משולח פאָרט אַוועק, אָפּט אָן אַ זיי־געזונט — אַבי געקראָגן די טאָלערס און פּטור.״

שרייבט י. פרידלאַנד אין נומער 4 „חשבון״ אַזוי: „די גרעסערע יידישע ישובים, ווי לאָס אַנגעלעס, וכדומה, וואָלטן ענדלעך געדאַרפט זיך שטעלן מיטן פּנים צו זיך, זיך באַפרייען פון דער אַזוי־גערופענער העגעמאָניע פון צענטער— ניו־יאָרק, און ווערן זעלבסטשטענדיק אין זייער דענקען און האַנדלען. די פּראָווינץ דאַרף אַרויסרופן ביי זיך אייגענע איניציאַטיוו אויף אַלע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע געביטן און אויפבויען אירע אייגענע וויכטיקע אינסטיטוציעס און קולטור־אַנשטאַלטן. זי דאַרף זיך באַמיען צו דערהויבן דעם אייגענעם קולטור־מצב מיט אַ סך חשיבות און מיט מער אַחריות, מחמת ניט די ניו־יאָרקער פּרעסע און ניט די צענטראַל יידישע אינסטיטוציעס קענען ממשות דעצידירנדיק עפּעס טאָן . . . פאַר דער פּראָווינץ.״. .

די פערטל־יאָריקע שריפט „חשבון״ פאַרגעסט ניט, כמעט אין יעדן נומער, צו מאַכן אַ גענויעם חשבון פון די ביכער וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין יידיש אין לאָס אַנגעלעס. אויך אויף דעם געביט איז דאָס בילד זייער איינדרוקספול. פון 1916 ביז 1959 זיינען דערשינען 42 ביכער פון לידער, 57 פון פּראָזע, 3 מוזיק ביכער, און 4 קונסט־אַלבאָמען. ס׳רוב אַרויסגעגעבן פון ביכער־קאָמיטעטן אין לאָס אַנגעלעס. סך־הכל 106 ביכער אויסגאַבעס.

דעם רעדאַקטאָר, דעם שרייבער־קרייז, די אַרויסגעבער פון „חשבון״ און די געטרייע קולטור עסקנים און שטיצער פון דער שריפט, פאַרדינען אַ האַרציקן פאַרדינסטפולן יישר כוח!

---

**אויפמערקזאַם!** באַנייט אייער אַבאָנימענט אויפן זשורנאַל „חשבון״. וואַרט ניט מ׳זאָל אייך דערמאָנען עטלעכע מאָל. ס׳איז אייער חוב אויפצוהאַלטן אַ שריפט אויף יידיש, וואָס דערשיינט אין דער גרויסער יידישער לאָס אַנגעלעס.

**דניאל פערסקי**

# שרייבערישע פערזענלעכקייט און דאָס ליטעראַרישע שאַפן

מער ווי ביי די אומות־העולם איז ביי אונז יידן די שרייבערישע פערזענ־לעכקייט געקניפט און געבונדן מיט זיין שאַפן.

אַ ייד, אַז ער לייענט אַ ספר, וויל ער וויסן וואָס פאַר אַ מענטש עס איז דער מחבר פונם ספר. אַ סך איז דאָס צוליב דער איינגעוואָרצלטע טראַדיציע ביי אונדז, וואו מ׳האָט פון שטענדיק אָן גערופן די יידישע גדולים אויף די נעמען פון זייערע ספרים: ווי, למשל, דער של״ה (אויפן נאָמען פון זיין ספר „שני לוחות הברית), דער בעל „התניא״, דער „חפץ חיים״ און אַזוי ווייטער. ביי אונדז יידן איז פון שטענדיק אָן אַ מחבר פון אַ ספר געווען פאַררעכנט פאַר אַ מענטש פון אַ העכערער מדרגה ווי אַ מענטש פון גייסט. נישט אַ יעדערער וואָס זיינע געדאַנקען האָבן זיך אָנגעקליידעט אין געדרוקטע אותיות איז אַזוי געשעצט געוואָרן, אָבער די חשובע ספרים זיינען געוואָרן זייער פאַרערט און מען האָט אין זיי געזען די נשמה־שפּיגלען פון זייערע מחברים.

ווי די פריערדיקע גדולי הרוח, אַזוי אויך די שרייבער פון דער נייער תקופה: אחד העם, ביאַליק, טשערניכאָווסקי, יעקב פיכמאַן, אָשר באַראַש, יעקב ראַבינאָ־וויטש — זיי זיינען אַלע געווען באַקאַנט אויך פאַר עטישע פערזענלעכקייטן. זיי האָבן אין זייערע שאַפונגען אַריינגעבלאָזן אַ הויך פון זייערע נשמות, און אין זייערע שאַפונגען דאָמינירט נישט נאָר דער ריין קינסטלערישער מאָטיוו, נאָר אויך דער עטישער.

אַחד־העם האָט טאַקע גע׳שמ׳ט ווי אַ קאָפּ־מענטש; ער איז אָבער אויך געווען אַ מענטש מיט האַרץ און געפיל. אין זיין ספר „על פרשת דרכים״ פילט זיך ביי זייט פון דער חריפות־המחשבה אויך די עטישע שיינקייט פונם האַרץ־מענטש, און אַזוי איז דאָס אויך קענטיק ביי די אַנדערע געדאַנקען עסייאיסטישע אונדזערע ווי ביי בר־טוביה, דר. צבי וויסלאָווסקי, דר. צבי דיזענדרוק און אַנדערע. עס פילט זיך די דערהויבנקייט פון די דאָזיקע שרייבער, זיי שווימען אַרום אין די ברייטע לאַבירינטן פון דער מחשבה, אָבער זיי זיינען גלייכצייטיק אויך טיף־מאָראַליש. מען פילט אַז מען לייענט זייערע ווערק ווי די יידישע־מאָראַל, וואָס טליעט פון שטענדיק אָן די טיפענישן אין משך פון דורות, דערוואַכט און ווערט אַקטואַליזירט אין מאָדערנעם געדאַנקען־גאַנג ביי זיי.

דערפאַר טאַקע ווערט אַזוי צוגעצויגן דער לייענער צו זיי, ווייל ער פילט אַז דאָ האָט ער אי אַ באָדן אונטער די פיס און אַ הימל איבערן קאָפּ — דערין איז די אייגנאַרטיקייט פון אונדזער נייע העברעאישע ליטעראַטור, וואָס יעדערער פון די שרייבער איז אויך אַ קולטור־בויער, יעדערער איז אויך אַ פאָנען־טרעגער, וואָס טראָגט שטאָלץ די פאָן פון דער אויפלעבונג.

דער יראת־הכבוד וואָס דער לעזער האָט פאַר די כ״ב אותיות איז ווי צו אותיות פון תורה, פאַר די ליכטיקע אותיות פון דער שפּראַך פון אונדזערע נביאים און חכמים.

אין אָנהויב איז געווען דאָס וואָרט — דערפאַר איז דאָס וואָרט הייליק פאַרן לעזער און די טרעגער פונם וואָרט מוזן זיין פאַר אים פון די יחידי־סגולה, וואָס וואָרצלען אין זייער גייסט טיף אין דער אידישער טראַדיציע פון די דורות.
(יידיש: ש. ע.)

## ד״ר דוד רעבעלסקי ז״ל

אין ד״ר דוד רעבעלסקין האָט די אַרבעטער ציוניסטישע באַוועגונג פאַרלאָרן אַ זייער וויכטיקן עסקן און אַ הויך יידיש־יידישן קולטור־מענטשן. חוץ זיין אַקטיוו דינאַמישע נאַטור, ווי אַ פירער און טריבון (ווי מיר האָבן אים געקענט דאָ אין ל. א. אַלס דירעקטאָר פון הסתדרות) איז ער אין תוך געווען אַן ערודיט אין יידיש און העברעאיש און אַ ליטעראַט מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. ער איז געווען אַ פּילזייטיקער שרייבער: געשריבן טעאָרעטיש־פּאָלעמישע אַרטיקלען; דערציילונגען, ליטעראַטור קריטיק, עסייען א. א. אַ מענטש מיט טעמפּעראַמענט און פון מעשים.

צו אונדזער זשורנאַל „חשבון" האָט ער געהאַט אַ ביז גאָר וואַרעמע באַציאונג. אַ פּאָר וואָכן פאַר זיין פּטירה האָט ער געשריבן צום שרייבער פון די שורות, צווישן אַנדערן זאָגט ער אין אַ בריוו: (זעט זיין אַרבעט אין לעצטן נומער און אין דעם נומער „חשבון".—רעד.):

„צוזאַמען מיט אייער בוך „וואַנדערונגען און נסיונות" איז אויך אָנגעקומען „חשבון" נומ. 17, רעדאַקטירט בטוב טעם ווי שטענדיק. וואָס גייט אָפּ איז כמות. גוואַלד, גוואַלד, ווי מאַכט מען פון די 56 זייטן—96. ס'איז דאָך ניט קיין חודש־שריפט, נאָר אַ פערטל־יאָר שריפט!

„איך ווייס, איך ווייס, אָ, ווי איך ווייס! (אַ האַלבן לעבן זיך אַרומגעדרייט אַרום קהלשע פינאַנצן): אַז עס האַנדלט זיך בלויז וועגן דער פּרוטה, במחילה כבודכם. איז ביי אייך ניט איינגעזעצט אַן ענערגישער קאָמיטעט פון אַמביציעזע פּאַטריאָטן פון „חשבון", וועמעס אויפגאַבע עס זאָל זיין — אַך ורק און בלויז — די פינאַנציעלע לאַגע פון „חשבון"?!

„מיט צער זאָג איך אַרויס מיין ריין אינטואיטיוון געפיל, אַז מיט דער צייט וועלן אויך די צוויי טעגלעכע צייטונגען אונטערגיין און יידיש וועט בלייבן פאַר דער עליטע פון יידיש . . . פערטל־יאָר שריפטן וועלן האָבן טעם, ווי פאַר די אַמאָליקע חובבי שפת עברית."

ביז די לעצטע מינוטן פון זיין פילפאַרביקן לעבן איז אים שטאַרק נוגע געווען דאָס יידיש וואָרט, די יידישע ליטעראַטור.

ס'איז אַוועק פון אונדז אַ וואַרעמער ייד מיט אומבאַגרעניצטער ליבע און איבערגעבנקייט צו אַלץ וואָס אָטעמט מיט יידישן אידעאַליזם און יידישע שעפערישקייט.

חבל על דאבדין ולא משתכחין. כבוד זיין הייליקן אָנדענק! רעד.

## ז. בונין

# אַ חלום

(יעטאַן אַ מתנה)

און אַז זעליק דער פּאָעט
האָט שוין געהאַט זיין בוך געדרוקט,
און עס צושיקט כמעט
אין יעדן דאָרף און שטאָט,
האָט ער זיך ערשט אַרומגעקוקט,
אַז ער האָט ניט געשיקט
זיין בוך צו גאָט!
האָט ער זיך דאָך דערפילט
אַוודאי גאָרניט דאָסיק,
ס'וועט דעם אַלטן דאָרטן, אויבן
די מעשה זיכער זיין פאַרדרוסיק,
און ניט פאַרלירנדיק קיין צייט
האָט ער אַלע אַרבעטן
אָפּגעלייגט אָן אַ זייט
און אַ „דעלוקס" אויסגאַבע
וואָס האָט אַזש געקנאַקט,
און אין „אַסבעסטוס" גוט פאַרפּאַקט,
בכדי ווען עס וועט פליען
אין די הויכע ספערן,
זאָל עס ווי אַ מעטעאָר
חלילה ניט צעשמאָלצן ווערן!
און טאַקע אין דער זעלבער נאַכט
האָט די ספּעציעלע הימל־פּאָסט
דאָס בוך צו גאָט געבראַכט.
און ווען דאָס בוך איז
צום כביכול אָנגעקומען,
איז דאָס געווען פאַר אים
ניט קיין קליינער חידוש:
אותיות, דוכט זיך, קאָנטיקע פון חומש
נאָר די שפּראַך—
זאָגט מען אים איז יידיש.
האָט ער דאָס בוך געקערט,
געדרייט אויף אַלע זייטן,
געמאַטערט זיך מיט דעם אַ חודש,
וואָרעם, כידוע, איז דאָך
די שפּראַך אין הימל—
לויטער לשון קודש.

און טאַקע נאָר ווי דעם פּאָעטס זכות אָבות
דאַרף גראַד אָנקומען אונדזער
אַלט־באַקאַנטער בעל מחשבות.
האָט זיך גאָט דערפרײדט מיט זיין באַזוך
—בּו, זאָגט ער, מיין ליבער דאָקטער,
באַ זע, וואָס איז דאָס פאַר אַ בוך?
און וואָס מער ער האָט
דאָס בוך געלייענט,
גרעסער איז זיין פרייד געוואָרן:
קיום אַ יידיש וואָרט דערזען
נאָך אַזוי פיל לאַנגע יאָרן.
האָט ער מסתמא אָנגעשריבן אַ רעצענזיע
אָט ווי בעל מחשבות קאָן.
האָט גאָט דערזען
אַז דאָס איז אַ בוך וואָס איז
אַ קאַטאָרי וועלכער,
האָט ער באַשלאָסן זעליגן באַדאַנקען
מיט אַ פרעזענט וואָס זאָל זיין
אַזוינס און אַזעלכער!
נאָר פלוצים איז געוואָרן
אַ שטורעם, אַ געוויטער,
אַזש גאָטס טראָן
געגעבן האָט אַ ציטער
און פון אַ שוואַרצן וואָלקן
איז דער שטן אַרויסגעשפּרונגען,
זיין שטים האָט זיך צעדונערט
און צעקלונגען
מיט אַ געפילדער און ירגזון:
פאַר אַ יידיש בוך מתנות שיקן?
איך וועל דאָס ניט דערלאָזן!
אָט קום איך ערשט פון דעם פּלאַנעט
וואָס רופט זיך ערד,
וואָס איך האָב דאָרט זיך אָנגעזען,
וואָס איך האָב דאָרט זיך אָנגעהערט!
אַזויפיל שרייבער און פּאָעטן,
פון קיינעם ניט געלאַדן,
פון קיינעם ניט געבעטן,

פאַרוואַרפן די פּאָר לייענער
מיט אַזויפיל ביכער,
אַז דאָס לעבן זייערס
איז זיי ניט ניחה!
איך זאָג דיר, האַר מיינס,
ווייז זיי דאָרטן נאָר אַ וועג
און אין עטלעכע געציילטע טעג
וועלן זיי מיט ביכער
די הימלען אונדזערע פאַרפּלייצן
געגוג אַלע זיבן הימלען צו באַהייצן!

***

די מלאָכים האָבן זייער מיינונג
שוין כמעט געביטן,
נאָר דאָ האָט גאָט דעם שטן
אָפּגעשטעלט אין מיטן:
— הער מיר אויף אַ קאָפּ צו דרייען!
אָט כאַפּ איך שוין אַ בליץ
און שפּאַלט דיך אויף צווייען!
וואָס מיינסטו, ס'איז דיר
פּאָוסט אָדער איוב,
וואָס אַלע מאָל דיך הערן
בין איך מחויב?
גיי דיר צו אַלדי שוואַרץ יאָר אין גיהנם
און הער אויף ריידן לשון הרע
אויף יענעם!

***

און ווען דער שטן האָט מיט חרפּה
קוים זיך אָפּגעטראָגן,
האָט גאָט געזאָגט צו די מלאָכים
אַזוי צו זאָגן:
אַנו קאָרשט, חברה,
פאַרקאַטשעט נאָר די פּליגלען
און טראַכט מיר צו אַזאַ מתנה
מ'זאָל מיט דעם זיך דאַרפן שפּיגלען.
ס'איז דאָך עפּעס אַ מתנה
ניט פון אַבי וועמען.

טאָ זעט־זשע, כרובימלעך מיינע,
אַז דער הימל זאָל די ערד
חלילה ניט פאַרשעמען!

***

האָבן די מלאָכים
זיך לאַנג געאַמפּערט און געטראַכט,
ביז זיי האָבן זיך געאייניקט
און אַ באַריכט צו גאָט געבראַכט:
היות, וואָס קאָן אַ שרייבער
געבן מער פּרעסטיזש און מער קוראַזש
ווען זיין בוך צעגייט זיך
אין אַ גרויס טיראַזש.
בכן רעקאָמענדירן מיר
ביי אים גלייך באַשטעלן
ביכער כאָטש אַ האַלב מיליאָן,
און נאָכדעם וועט מען זען
וואָס מ'קאָן ווייטער פאַר אים טאָן.
און ס'וואָלט זייער אויך געפּאַסט
ווען מען לאַדט אים איין אין הימל
אַלס גאָטס ערן־גאַסט!

***

האָט גאָט זיי אויסגעהערט
און געזאָגט: „כי טוב, גוט אַזוי!"
האָט מען געשיקט נאָך אים
אַליהו הנביא'ס קאַרעטע
מיט זיבן ברענענדיקע סוסים
און פון כביכול
געבראַכט אַ גרוס אים.

***

פאַרשטייט מען דאָך
אַז דאָס בוך אין הימל
איז געוואָרן אַ „בעסט סעלער"
און צום באַנקעט,
האָט גאָט מיטן פּאָעט
געגעסן פון איין טעלער!

**גאָלדע שלאָסבערג־אַרפּין**

# בערל סאַט׳ס שטעטל

אַ גרופּע פריינט זיינען איינגעלאַדן געוואָרן צו בערל און טערעסאַ סאַט אין זייער היים. דער קינסטלער סאַט האָט צום לעצטן מאָל געוואָלט צוזאַמען מיט זייערע פריינט זיך געזעגענען מיט זיין „שטעטל״, ווייל אויף מאָרגן האָט מען געדאַרפט פּאַקן און עס אַרויסשיקן קיין ניו־יאָרק, וואו סאַט׳ס שטעטל וועט אויסגעשטעלט ווערן אין דעם שיינעם נייעם „סטיפען וויז״ אַדיטאָריע, און פון דאָרט וועט עס גיין איבער די הויפּט־שטעט אין אַמעריקע און דערנאָך אין אייראָפּע. ווען די אַלע אויסשטעלונגען וועלן זיך שליסן, וועט עס אָפּגעשיקט ווערן אין דער שטענדיקער היים אין ישראל. דאָס האָט עס מעגלעך געמאַכט משה און עמאַ שיוער, דורך זייער פאַנדיישאַן פאַר יידישע קינסטלער.

ס׳איז ניט גרינג איבערצוגעבן מיט וואָס פאַר אַ ציטער־געפיל בערל סאַט האָט געדאַרפט זיך שיידן מיט זיין לעבנס־אַרבעט! טראָץ דעם וואָס דער חלום פון יעדן קינסטלער איז, אַז זיין קונסט זאָל זיך געפינען אין אַ מוזיי, וואו דאָס פאָלק זאָל עס זען און הנאה האָבן, איז עס, ווי מיר דוכט, ניט לייכט פאַרן קינסט־לער זיך צו שיידן מיט זיינע שאַפונגען, מחמת זיי ווערן אַן אינטעגראַלער טייל פון אים. קוקנדיק אויף סאַטן אין יענעם מאָמענט האָט עס געגעבן דעם געפיל...

בערל סאַט האָט אַפּריער איינגעשטעלט די ליכט, כדי זיינע סקולפּטורן זאָלן האָבן ליכט און שאָטן. מיט אַ ציטער טראָגט ער איין סקולפּטור נאָך די אַנדערע און שטעלט זיי אויס אויפן טיש. ווען זיין איידעלע פרוי האָט געוואָלט אים העלפן, האָט ער איר באַדאַנקט און געבעטן זי זאָל זיך זעצן מיט די געסט: אויך דו ביסט היינט מיין גאַסט! — האָט ער געזאָגט...

זיין איידעלער פּנים האָט זיך גערויטלט און זיינע לויטערע אויגן האָבן גע־שטראַלט פון פרייד און מיט אַ טרער... נאָר אַ גרויסער קינסטלער וואָלט געקאָנט איבערגעבן יענעם ערלעכן מאָמענט! איך האָב אַ סך מאָל געזען סאַט׳ס וואונדער־לעכע שאַפונגען, אָבער קיין מאָל האָב איך ניט איבערגעלעבט אַזאַ נשמה־ציטער ווי דעם מאָל, קוקנדיק אויף סאַטן און זיין קונסט.

סאַט שטעלט אויפן טיש, דעם „וואַסער־טרעגער״, דעם „ערד־אַרבעטער״, דעם „יידן צווישן מנחה און מעריב״, דער „מאַמען מיטן יינגל אויפן וועג אין שול״ — יעדנס פּנים דריקט אויס וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר. סאַט זעט אין יעדן יידן אַ גייסטיקע פאַרבינדונג. דער „מלמד״, די „קינות זאָגערין״, מאַן און ווייב פאַרפּוצט, מיט יום־טובדיקע פּנימער, גייען צו־גאַסט; „דער טרעגער״ וואָס זוכט אין זיין קעשענע די פּאָר קאָפּיקעס, וועלכע זיינען אים שווער אָנגעקומען צוגעבן זיין יינגל, אָבער ער שמייכלט און איז צופרידן: ער גיט דאָך אים פאַרן רבין שכר־לימוד!

סאַט גיט איבער מיט זיין סאַמעט גלעטנדיק קול דאָס וואָס יעדע סקולפּטור דריקט אויס. מ׳זעט ממש די „שטעטל״ מיט איר לעבן. ער שטעלט זיך אָפּ

אויף אַ ווייל, דערציילט ווי אַזוי ער האָט אָנגעהויבן פּאַראייביקן „דאָס שטעטל״, דאַן האָט ער ניט געוואוסט אַז דאָס „שטעטל״ וועט שוין מער ניט זיין...

אַט ברענגט סאַט צו אַ טאַטן מיט אַ מאַמען, וועלכע גיבן איבער זייער יינגל צום בעל־עגלה ער זאָל אַוועקפירן אים אין שטאָט אין דער ישיבה. זייערע פּנימער דריקן אויס פאַרזאָרגטקייט: מען שיקט אַוועק אַ קינד פון דער היים אין דער פרעמד; ווער ווייסט וואו ער וועט עסן, שלאָפן. אָבער, זייער קינד וועט דאָך לערנען תורה! אַט איז אַ באַרעליף מיט אַ יידן; דער ייד זיצט מיט אַ לאַנגער לולקע אין מויל און אַ קלוגע לויטערקייט לויכט אַרויס פון זיינע אויגן; אַ ישיבה־בחור מיט פאַרחלומטע אויגן קוקט אין דער וועלט אַריין... דער שופר־בלאָזער



תקיעת שופר — בערל סאַטט

מיט אַ קיטל איבער זיך, מיט אַדערדיקע הענט, האַלט נאָענט צום מויל דעם שופר און בלאָזט מיט אַלע כוחות צום הימל. מ׳האָט דעם געפיל ווי דער ייד גלויבט, אַז זיין בלאָזן שופר צו די הויכן וועט גאָט דערהערן... און דו פילסט גוט מיט סאַט׳ס גלויביקע יידן. די הייליקייט און געמיטלעכקייט פון סאַט׳ס שבת־יום־טוב שטעטל דערהויבט דעם צוקוקער, טראָגט אים אַוועק אין אַ וועלט פון גלויבן.

מיר זעען אַ באַלעבאַטישן יידן „מוצאי שבת, וואו מיט איין אויג זעט ער דעם שבת און דאָס צווייטע איז שוין פאַרדאגהט מיט דער וואָך. ווי וואונדערבאַר סאַט האָט אין יעדן טיפּ באַזונדער אַרויסגעקראָגן די גרויסע, אייביקע, יידישע טראַדיציע! נאָר אַ מענטש וועלכער האָט שטאַרק ליב זיין פאָלק, קאָן ניט זען קיין שלעכטס, און סאַט האָט ליב דעם מענטשן, און דעריבער איז אַרויסגעקומען

פון זיינע אײדעלע, קינסטלערישע הענט סקולפּטורן, וואָס פאַראייביקן דאָס „פּוילישע שטעטל״.

סאַט שטעלט אַרויף דעם רב מיט דער רביצין, דעם רב מיט אַ געמיטלעכן שבתדיקן בליק אין זיינע ווייכע אויגן; די באָרד איינגעקרייזלט ליגט רואיק אויף דער שבתדיקער קאַפּאָטע, די פּאות פאַרדרייט און דאָס שטריימל אויפן קאָפּ... די רביצין, וועלכער סאַט האָט געשניצט פון אַ העלע האָלץ, גיט איר אײדעלן צנועות־דיקן פּנים צו נאָך מער ווירדע. די זיידענע שבתדיקע הייבל אויפן קאָפּ נעמט אַרום איר שיינעם געשטאַלט און איר בליק אין די אויגן גלעטן דיר... דער יתום מיטן יאָרצייט־ליכט אין האַנט און סידור אונטערן אָרעם, דריקט אויס אַזוי פיל טרויער, אַז עס פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

דער שוסטער מיט די שטיפּטלעך אין מויל, האַלט אין קלאַפּן אויף אַ קנאַפּל און פאַרטראַכט זיך פּלוצלונג: צי האָט ער שוין געבן שבת? אַ רבי פאַרהערט אַ יינגל, און דער טאַטע זיצט אויפן שפּיץ בענקל און קוקט מיט נייגער אויפן רבינס פּנים; דער רבי שמייכלט קלוג, אַפּנים צופרידן פונם תלמיד... צוויי יינגלעך, פּורים־שפּילער, זיינען אין זיבעטן הימל פון פרייד — היינט איז זייער טאָג !

מען קאָן שרייבן און שרייבן וועגן סאַט'ס קונסטווערק. עס זיינען אין דער קאָלעקציע פאַראַן צוויי־און־פערציק וואונדערלעכע סקולפּטורן. איך שרייב ניט קיין קריטיק, נאָר ווי אַ ליבהאָבערין פאַר דאָס אמתע און עכטע צו מיר, אין מענטש ווי אין קונסט, האָב איך פאַרצייכנט דאָס, וואָס איך פיל, כאָטש אַ טייל וועגן בערל סאַט דעם מענטש, קינסטלער, און זיין קונסט.

עס איז אַ גרויסע געשעעניש וואָס סאַט'ס וואונטש איז מקוים געוואָרן און זיין לעבנס שאַפן זאָל זען די ברייטע וועלט, דורך דער הילף פון די עמאַ און משה שייוער „פאַונדיישאַן.״ מען האָט ביי סאַטן געוואָלט אָפּקויפן אַ סך מאָל איינ־צעלנע סקולפּטורן זיינע, און טראָץ זיין מאַטעריעלער נויט, האָט ער ניט געקאָנט פועלן ביי זיך עס צו טאָן. אומבאַוואוסטזיניק פאַר זיך אַליין האָט ער געוואָרט אויף דעם מאָמענט... און איצט איז זיין לעבנס־אַרבעט, די וואונדערבאַרע קאָלעק־ציע, מיט וועלכער סאַטן איז זיכער שווער זיך צו שיידן, וועט אָבער איצט געפינען איר שטענדיקע היים אין ישראל.

איך קלער, עס מוז זיין ערגעץ אַ גרויסער כוח וועלכער פירט און דערפירט, פּונקט ווי דער טייך געפינט דעם וועג צום ים.

אַזוי האָט ענדלעך אויך געפונען בערל סאַט'ס לעבנס־אַרבעט זיינע וואונדערלעכע קונסט־ווערק, דאָס „פּוילישע שטעטל״, אַ היים אין ישראל...

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון״

א. כראבאלאָווסקי

# יונגע יידישע שרייבער אין יזכור-בוך „טשענסטאָכאָוו"

דער נאָר־וואָס דערשינענער בוך „טשענסטאָכאָוו", חוץ זיין היסטאָרישן ווערט, האָט נאָך איין גרויסע מעלה: אין אים באַטייליקן זיך אַ רייע באַגאַבטע יונגערע שרייבער, געראַטעוועטע פון היטלער־חורבן, וואָס האָבן אַליין איבער־געלעבט אַלע נאַציִשע גרוילן, אַליין געפירט דעם טאָפּלטן קאַמף מיט די באַרבאַ־רישע דייטשן פון דרויסן און מיט די יידן־ראַטלער פון אינעווייניק; זיי זיינען דורך נסים לעבעדיק אַרויס פון טויטן־טאָל, וואָס מען באַצייכנט ווי שקלאַפן־לאַגערן, האָבן זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע און זיינען ווידער געזעלשאַפטלעך טעטיק אין זייערע לאַנדסמאַנשאַפטן און אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. זיי זיינען לויט דער רייע ווי זייערע אַרבעטן זיינען פאַרעפנטלעכט אין בוך „טשענסטאָכאָוו"— דר. בנימין אָרענשטיין, צבי ראָזענווייג, שלמה וואַגאַ, מ. מאָסקי, א. ל. באָמבע, דר. וואָלף גליקסמאַן, חנן קיעל, מאָטל בערקאָוויטש.

איך ווייס, אַז וואָס שייך חורבן טעמעס, וואָס אונדזערע יונגערע יידישע שרייבער האָבן פאַרעפנטלעכט, זאָגט מען ביי אונז: 1) לאָזט אונדז צורו מיטן חורבן, לאָזט אונז לעבן, מיר האָבן שוין גענוג חורבן; 2) אַ סך פון די טעמעס האָבן מיר שוין געלייענט — צי וואָס זיי ווידער פאַרעפנטלעכן? — געדענקען מיר אָבער, אַז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, וואָס איז נישט קיין פאַרגלייך מיטן יידישן חורבן — אַז דעמאָלט האָט מען אויך געוואָלט פאַרגעסן דעם שוידער פון דער וועלט־מלחמה און פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, וואו מענטשן זיינען אויסגעשטאָרבן ווי פליגן, דעמאָלט צומיינסטנס ניט־יידן. האָט מען אַזוי פאַרגעסן ביז ס'איז געקומען דער היטלער־חורבן, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער רעזולטאַט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

מיר ווייסן אויך, אַז עטלעכע טויזנט יאָר כסדר האָבן דורות יידן און יידישע דיכטער ניט אויפגעהערט צו וויינען אויפן חורבן בית המקדש און יעדעס יאָר אויסגעגאָסן זייער טרויער מיטן קלאָג־ליד פון „איכה": „געדענק גאָט וואָס ס'איז געשען צו אונדז, קוק און זע אונדזער שאַנד, אונדזער נחלה, זי איז איבערגע־גאַנגען צו פרעמדע, אונדזערע הייזער צו אַנדערע", און יעדן שבת האָבן יידן צוזאַמען מיט די שבתדיקע תפילות געזאָגט דעם „אב הרחמים" און מזכיר געווען די „קהילות הקודש, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, די גע־ליבטע און געטרייע ביי זייער לעבן, וואָס האָבן זיך ניט צעשיידט מיט זייער טויט." און איצט ווי גרויס, אַ ווי גרויס איז געווען די צאָל פון די מיליאָנען אומגעקומענע, וואָס דער טויט, דער אומקום האָט זיי מיט אונדז נישט צעשיידט, און וואָס פאַר אַ הייליקער חוב ס'איז פאַר אונדז אייביק און שטענדיק זיי צו דערמאָנען!

לאָמיר דאָ בקיצור פאַרצייכענען ווער די יונגערע שרייבער זיינען און אויף וואָס פאַר אַ טעמעס זיי האָבן געשריבן.

דר. בנימין אָרענשטיין האָט אונטערן נאַצי־רעזשים געאַרבעט אין אַן אַמור־ניציע־לאַגער „האַסאַג", וואָס איז טאַקע געווען אין טשענסטאָכאָוו. ער האָט אין דער צייט געזאַמלט מאַטעריאַל וועגן די נאַצי־רציחות אין לאַגער, דאָס פאַרשריבן

אויף שטיקלעך פּאַפּיר און באַהאַלטן אונטער זיין מאַטראַץ. נאָך דער באַפרייאונג אין די דייטשישע לאַגערן, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ בוך מיט לאַטייִנישע אותיות א״ב „חורבן טשענסטאָכאָוו.“ דאָס דאָזיקע בוך האָט געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין די פּראָצעסן אין דייטשלאַנד, וואו די דייטשישע מערדער זיינען געמשפּט געוואָרן. אין בוך „טשענסטאָכאָוו“ איז ער פאַרטראָטן מיט דריי קאַפּיטלעך: 1) „טשענסטאָכאָווער יידן אין דער נאַצי־עפּאָכע“; 2) „טשענסטאָכאָווער לאַנדס־לייט אין די־פּי קעמפּס אין דייטשלאַנד“; 3) „טשענסטאָכאָווער פאָלקלאָר אין דער נאַצי־צייט.“ מען דאַרף דאָ באַמערקן, אַז די קאַפּיטלעך פון דר. ב. א. זיינען נישט נאָר אַ קלאַסישער בייטראָג צו דער געשיכטן פון חורבן טשענסטאָכאָוו, נאָר צו דער גאַנצער חורבן־ליטעראַטור.

צבי ראָזענווײַן איז געווען איינער פון די אַקטיוּוסטע פּועלי־ציוניסטן אין שטאָט. בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע איז ער געווען טעטיק אין געהיימען אַרבעטער־ראַט און אָנגעפירט מיט די קאַמפן פון די שקלאַפן־אַרבעטער. אין זיינע קאַפּיט־לען „דער הונגער־סטרייק אין טשענסטאָכאָווער געטאָ“, וועגן אַרבעטער־ראָט אין טשענסטאָכאָוו, זיינען געשיכטלעכע דאָקומענטן, וואָס באַצייכענען שאַרף און בולט דעם קאַמף פון די יידישע שקלאַפן־אַרבעטער מיט די יידן־ראַטלער און אומשטיינס געזאָגט „פּריווילעגירטע שיכטן“ אַרום זיי.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמען שלמה וואַגאַס שילדערונגען פון די חרובע יידישע הייזער און גאַסן נאָך דעם ווי מען האָט די יידן אַרויסגעפירט אין די טרעבלינקער גאַז־אויוונס; דאָס בילד פון דער טויטער יידישער מיידל אויפן וואָגן מיט די הרוגים מיט די „האַרמאָנישע פאָרמען פון אירע אָרעמס, מיט די שוואַרצע, אָפענע אויגן, אויסגעשניצטן, יידיש־לייכט־אויסגעבויגן נעזל און אָפע־נעם מויל, וואָס רעדט זיך אַדורך אויף טויט־שטום־לשון מיטן יידישן פאָליציאַנט, וואָס באַגלייט דעם וואָגן — איז אַזאַ גרויליק בילד, וואָס בעט זיך, אַז אַ קינסטלער זאָל עס פאַראייביקן אויפן לייוונט.

די אַנדערע קאַפּיטלעך וועגן חורבן, פון י. סאַסקי: „די מאָביליזאַציע“; א. ל. באָמבע: „מיין אַנטלויפן פון טרעבלינקע“— דאָקומענטירן די העלדישקייט און דעם קאַמף־גייסט פון דער יידישער יוגנט אין שאָטן פון טויט און אומקום.

אויף וויפיל ס׳ווערט פון אונדז געפאָדערט ווייניקער זיך אָפצוגעבן מיטן חורבן און מער מיטן לעבן און שאַפן פון אונדזערע אומגעבראַכטע קהילות (א. מענעס האָט אויף דער טעמע פאַרעפנטלעכט אַ מאמר אין „פאָרווערטס“ דעם 30טן נאָוועמבער פ. י.) — שטייען אויף דעם געביט אויך נישט אָפּ אונדזערע יונגערע שרייבער. דר. וואָלף גליקסמאַן, וואָס איז שוין באַקאַנט ווי אַ וויסנשאַפט־לעכער פאָרשער, האָט באַשריבן די „טשענסטאָכאָווער גאַס“; מאָטל בערקאָוויטש, אַ תלמיד פון י. ל. פּרץ שול אין טשענסטאָכאָוו, האָט טאַלאַנטפול געשילדערט „אַ יידיש הויז אין טשענסטאָכאָוו“. דאָס איז אַ לעבעדיק בילד פון אַ יידיש הויז מיט אירע שכנים, מיט זייערע פריידן און ליידן, ליכט און שאָטן. גאָר באַזונדער דאַרף דערמאָנט ווערן חנן קיעל, אַ לערער פון די שלום־עליכם שולן, וואָס שרייבט געלונגענע מעשהלעך אין פערזן פאַר קינדער. אין בוך איז ער פאַרטראָטן מיט דריי פּאָעמעס: 1) „צו דער וואַרטע“; 2) „די אַלטע שול“; 3) „איך זוך“,

און מיט צוויי שילדערונגען פון באַקאַנטע טשענסטאָכאָווער טיפּן: „צימעס" און „ריוועלע". לאָמיר אויך דערמאָנען די קורצע אָבער גוט־געשריבענע עסיי פון הערי דזשובאַס: „אַמעריקע האָט מיך דערהויבן."

פון די ניי־געקומענע באַטייליקט זיך אין בוך דער באַקאַנטער געזעלשאַפט־לעכער טוער, בערנאַרד פייטעק.

דאָס איז נישט דער פולער צעטל פון די אַרבעטן, וואָס די דערמאָנטע שריי־בער האָבן פאַרעפנטלעכט אין בוך „טשענסטאָכאָוו".

* * *

איך האָב אָנגעהויבן דעם אַרטיקל מיט די יונגערע שרייבער, מאַנכע פון זיי נאָך אומבאַקאַנט פאַר די יידישע לייענער, כדי אונטערצושטרייכן דעם פאַקט, אַז זיי געפינען זיך ביי אונדז אין אַ גרעסערער צאָל ווי מיר ווייסן און ס'איז דער חוב פון אונדזער עפנטלעכקייט זיי צו דערמאָנען און דערמונטערן אין זייער שרייבערישער טעטיקייט, כדי ראוי צו זיין צו פאַרנעמען דעם אָרט פון „דור הולך". אָבער אין בוך „טשענסטאָכאָוו" זיינען פאַרטראָטן אַ גרעסערע צאָל שריפט־שטעלער, וואָס האָבן זיך שוין דערוואָרבן אַ גאַר חשובן אָרט אין אונדזער עסיי־איסטיק און ליטעראַטור. איך וועל זיך באַנוגענען נאָר מיטן אויסרעכענען זייערע נעמען, זיי זיינען:

ד"ר פיליפּ פרידמאַן, ד"ר צבי כהן, יעפים ישורין, משה דלוזשנאָווסקי, חיים לייב פוקס, דוד ניימאַרק, לאָטי מלאך, ז. טורקאָוו, י. ש. הערץ, בעריש וויינ־שטיין, ש. ד. זינגער, ד"ר י. ל. שטיינבערג, שושנה טשענסטאָכאָווסקאַ (ישראל), ש. ל. שניידערמאַן.

פון די עלטערע טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט, אַ סך פון זיי האָבן זיך באַטיי־ליקט אין דער יידישער פּרעסע פון טשענסטאָכאָוו און אַמעריקע — זיינען אין בוך פאַרטראָטן:

ל. פעדערמאַן, אַברהם ליטמאַן, א. ווינטש ליבער, ברענער, משה לעדערמאַן (געפינט זיך איצט אין טשענסטאָכאָוו), חיים לייב שוואַרץ ע"ה, מאָריס שטערן, יוסף קויפמאַן, מ. גאָלדבערג, ר. לוקס (דעטראָיט), אַברהם גאָטליב (ישראל), דוד טאַנסקי, עמזע בערן (אַרגענטינע), הערשל עפּשטיין, ח. גראומאַן, יאָסל בערלינער, יעטע גריי, לאה שוואַרץ, א. כראַבאַלאָווסקי (לאָס אַנדזשעלעס), דוד וורא־צלאַווסקי, ד"ר לייב קורלאַנד (פּאַריז).

אין בוך טשענסטאָכאָוו איז אויך פאַרעפנטלעכט אַ לענגערער באַריכט פון 70 יאָריקן יובל פון ד"ר יוסף קרוק, אַ ליכטיקע פערזענלעכקייט, איינער פון די פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין טשענסטאָכאָוו, איצט באַטיי־ליקט אין דער העברעאישער און יידישער פּרעסע אין ישראל. דער באַריכט פון זיין יובל, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט די אָנגעזעענסטע פערזענלעכ־קייטן און פירער פון ישראל, פון מלוכה־פּרעזידענט בן־צבי ביז ר' בנימין ע"ה — איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט, מיט וועלכן עס לוינט זיך באַקענען.

אין בוך געפינען זיך אויך אָפּטיילונגען „צום אייביקן אָנדענק" מיט אַ גרויסע צאָל בילדער און נעמען פון אומגעקומענע קרובים, טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועסטער, „פּערזענלעכר אַלבאָם" און אינדעקס פון די נעמען וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך „טשענסטאָכאָווער יידן" און אין בוך „טשענסטאָכאָוו." אַלץ צוזאַמען מאַכט דער בוך איינעם פון די וויכטיקסטע יזכור־ביכער און אַ וויכטיק היסטאָריש־ליטעראַריש ווערק.

דער רעדאַקטאָר פון בוך איז ש. ד. זינגער. אין דער רעדאַקציע־קאָמיסיע האָבן זיך באַטייליקט: רפאל פעדערמאַן, אלקנה כראַבאַלאָווסקי, צבי ראָזענווין, ד"ר בנימין אָרענשטיין און הערי זיגאַס.

---

**א. ש. ווייזעל**

## חלום און וואָר

דער ייד האָט געלעבט  
נאָך ציון געשטרעבט,  
זיין אַלט לאַנד געהאַלטן אין זינען.  
אין משך פון יאָרן  
פאַרשטאַרקט איז געוואָרן  
זיין ווילן זיין היים צו געווינען.  
מיט אַרבעט מיט שווערער  
געמיט זיך וואָס מערער  
ניט וועלנדיק בלוט צו פאַרגיסן,  
האָט ער זיך געמאַטערט,  
דעם מדבר באַוואַסערט  
דערוואָרבן די ערד מיט זיין וויסן.  
די צייט איז געלאָפן  
ס'האָט ענדלעך געטראָפן,  
מיר זיינען דער גליקלעכער דור  
צו זען די מלוכה  
זיין פרייד און מנוחה —  
דער חלום פון צוויי טויזנט יאָר.

---

ווי דאָס פאָלק זינגט — חבר א. ש. ווייזעל דריקט אויס זיין באַגייסטערונג פאַר די קעמפער אין ישראל, ניט נאָר דורך וואָרט און ליד, נייערט אויך מיט מעשים טובים.

רעד.

יצחק ניומאַן

# דער צדיק־רשע קאָמפּלעקס אין די כתבי־קודש

(געווידמעט די קהילה קדושה לענטשיץ)

## (1)

פּאַרוואָס דער צדיק אין זיין ערלעכקייט לעבט אין צרות און לייד, בשעת דער רשע באַגליקט אין זיין שלעכטס, איז אַ פּראָבלעם און איז אַזוי אַלט ווי דער מענטשלעכער געדאַנק. די מסורה דערציילט ווי אַזוי אַברהם ווענדעט זיך צו גאָט מיט דער בקשה ניט חרוב צו מאַכן די שטאָט סדום — אויב עס געפינען זיך אין איר אַ צאָל צדיקים, און אַברהם זאָגט צו גאָט: וועסטו אומברענגען דעם צדיק מיט דעם רשע ? עס קאָן דאָך ניט זיין אַז דער צדיק זאָל זיין גליך מיט דעם רשע?

אויך אין אַלע חוקים און משפּטים וואָס איז פאַרשריבן אין דער תורה, ווערט קלאָר אָנגעדייטעט דעם שכר פאַר די וואָס היטן גאָטס געבאָטן, אַז זיי וועלן געניסן די ברכות, ווי דעם טוי פון הימל און פעטקייט פון דער ערד; פאַרקערט — פאַר די וואָס וועלן ווידערשפּעניקן, ווערט אויסגערעכנט די גאַנצע תוכחה מיט אַלע קללות און חרמות, און עס ווערט אָנגעוויזן אַז פאַר מאַנכע מצוות ווערט אפילו פאַרשפּראָכן אַריכת ימים, און פאַר געוויסע עבירות איז פאַרשריבן אָפּגע־שניטענע יאָרן פון כרת.

די חכמים האָבן אָבער אָנגעוויזן אויף דער סתירה און געשטעלט די פראַגע: היות ווי לאַנגע יאָרן ווערן צוגעזאָגט צו די וואָס זיינען מקיים כיבוד אב ואם, און צו די וואָס זיינען מקיים די מצוה פון שליחת הקן; האָט אָבער פּאַסירט, איינער איז געגאַנגען מקיים זיין די דאָזיקע מצוה, איז ער אַרונטערגעפאַלן פון ביום און געטויטעט געוואָרן. האָב די חכמים געפרעגט: וואו איז דער אַריכת ימים ? איז דער ענטפער: אַריכת ימים מיינט מען אויף יענער וועלט, וואו די טעג זיינען גאַנץ לאַנגע און אייביקע אין דעם עולם הבא...

## (2)

דער אַלטער קאָנצעפּט פון „פוקד עוון אבות על בנים" האָט געגאָלטן ביז יחזקאל הנביא האָט אים געגעבן אַ נייע אינטערפּעטאַציע און ער ברענגט אַרויס דעם געדאַנק פון „בן לא ישא בעוון האב, ואב לא ישא בעוון הבן; איש כדרכו אשפוט, נאום אלהים". (אַ זון וועט ניט ליידן פאַר די זינד פון פאָטער, און אַ פאָטער וועט ניט ליידן פאַר די זינד פון זיין זון, יעדן מענטש לויט זיינע פירונגען וועל איך משפּטן, זאָגט גאָט). און ער זאָגט ווייטער: די פאָטערס האָבן געגעסן ווינטרויבן און די ציין פון די קינדער זיינען זויער... דאָס אייגענע איז אויך חל אויף שפּעטערדיקע דורות: טאַטעס האָבן געזינדיקט און קינדער האָבן געליטן, אָדער פאַרקערט: טאַטעס האָבן געליטן פאַר די זינד פון זייערע קינדער.

פרעגן טאָקע די חכמים: דער מלך מנשה, דער רשע, וועלכער האָט דער־הרגעט דעם נביא ישעיה און אָנגעפילט די שטאָט ירושלים מיט געצנדינסט, ער

שטאַרבט אין רו און פרידן, בשעת זיין אייניקל, דער גוטער מלך יאשוהו, דער צדיק, פאַלט אין שלאַכט מיט דעם פרעה נכו פון מצרים — טאָ וואו איז דאָ דער יושר און שכר פאַרן צדיק ?

אַ צווייטער קאָנצעפּט איז געווען דאָס, וואָס „כל ישראל ערבים זה לזה", אַז יעדער ייד איז ערוב איינער פאַרן צווייטן, און צוזאַמען יעדער באַזונדער טראָגט נאָך אַ ייד דעם אַחריות פון כלל. אויב דאָס איז אַזוי מיט אַ פּשוטן בשר־ודים, לאָ כל שכן דער צדיק הדור? אַ שטייגער, נח אין זיין דור, איוב און דניאל אין זייער דור, האָבנגעוויס געטראָגן דעם אַחריות פון זייער גאַנצן דור. דאָס אייגענע האָט פּאַסירט מיט די נביאים, אויך זיי האָבן געליטן פאַר זייער דור..

און ווען דער נביא ירמיה פרעגט: פאַרוואָס באַגליקט דער וועג פון רשע ? האָט ער עס אַליין געפילט; ער האָט עס געזען פּערזענלעך. ער, דער טראַגיש־סטער פון אַלע נביאים, ווינטשט זיך דעם טויט, און מען האָט אים טאַקע געוואָלט טויטן אויך, בלויז אחיקם בן שפן האָט אים מציל געווען פון ליימענעם גרוב. אויך דער נביא עמוס אַנטלויפט פון אמציה׳ן, און דער נביא יונה, ווען ער אַנט־לויפט פון גאָטס שליחות צו ראַטעווען די שטאָט נינוה, ווינטשט ער זיך דעם טויט. און איז ניט אליהו הנביא געצוואונגען צו אַנטלויפן פון דעם צאָרן פון אַחאָבן און זיי אַלע האָבן געליטן און געפילט אַז זיי טראָגן אויף זייערע פּלייצעס דעם גאַנצן עול פון די זינד פון זייער דור.

זיינען די נביאים געקומען צום געדאַנק, אַז גאָט וויל ניט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן; ער וויל אַז דער רשע זאָל תשובה טאָן. ווי עס דריקט זיך אויס דער נביא מיכה: „וואָס וויל דען גאָט פון דיר, מענטש? נאָר צו גיין באַשיידן אין גאָטס וועגן", דאָס הייסט, אימיטירן גאָטס מעשים: אַזוי ווי גאָט איז רחמים, זאָלסטו אויך זיין אַ בעל רחמים, און דער צדיק ליידעט, ווייל ער טראָגט דעם גאַנצן עול און אַחריות פון כלל...

(3)

צוזאַמען מיטן געדאַנק אַז גאָט וויל ניט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, נייערט ער זאָל תשובה טאָן, פּאַראַלעל צו דעם ווערט אַרויסגעבראַכט דורך יחזקאל בשייכות צום צדיק: אַוודאי וויל ניט גאָט אַז דער צדיק זאָל אומקומען, ווייל טויטע קאָנען ניט לויבן גאָט („לא המתים יהללו יה"—תהלים), און ווער וועט דערציילן גאָטס וואונדער? און יחזקאל פרעגט די קשיה: אויב דאָס יידישע פאָלק וועט אונטערגיין און וועט ווערן פּאַרטיליקט פון די רשעים, ווער וועט ווייטער טראָגן דעם געדאַנק פון איין איינציקן גאָט?

ווייל, נאָך אַלעמען, איז פאַרט דאָס יידישע פאָלק, מיט אַלע זיינע שלעכטע פירונגען, נאָך אַלץ דאָס איינציקע פאָלק וואָס האָט אַרויסגעבראַכט נביאים מיט אַ הויכע אמונה און מיינע מענטשלעכע און עטישע מידות. און אַז אַזאַ פאָלק זאָל אומקומען, וואָס וועט די וועלט זאָגן? די אומות העולם ?

די אַלע פּראָבלעמען ברענגען יחזקאלן צו איבערצייגונג, אַז די גאולה וועט קומען סיי ווי סיי, אויב ניט אין זכות פון יידישן פאָלק, וועט די גאולה קומען פאַר גאָט אַליין... און גאָט זאָגט: ניט פאַר אייך טו איך עס, נייערט פאַר מיין אייגן

הייליקן נאָמען וועגן... און ניט ווייל דאָס פאָלק איז ווערט צו זיין דערלייזט, גייערט, ווייל גאָט האָט אַמאָל געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט דעם דאָזיקן פאָלק.

און יחזקאל דער נביא פון תחית העם, נאָכדעם ווי ער דערציילט זיין וויזיע פון דעם טאָל מיט די טרוקענע ביינער, זאָגט: „די אַלע ביינער זיינען דער גאַנצער יידישער פאָלק", און דאָס מיינט ניט דער נביא דעם פערזענלעכן תחית המתים, נאָר אויך די אויפלעבונג פון גייסט, און מיט דער דאָזיקער נבואה האָט ער דער־וועקט דעם גלויבן פון פאָלק פאַר דער גאולה און שיבת ציון.

דער נביא יחזקאל שטרייכט אונטער די קאָמפּענסאַציע פאַר די ליידן פון די צדיקים פון די פרומע און ערלעכע, אַז נאָך יעדן חורבן מוז קומען אַ גאולה, אַז מען טאָר זיך קיינמאָל ניט מייאש זיין.

אויך דער נביא חבקוק שטעלט אַוועק דעם יסוד פון יידישקייט, אַז דער צדיק לעבט מיט זיין אמונה און זיין פּאָסטולאַט איז געווען, אַז כל זמן אַ פאָלק זיצט איינגעוואָרצלט אין לאַנד, איז קיין פראַגע ניט פון שטראָף און באַלוינונג פון יחיד, ווייל די אינדיווידועלע פערזענלעכקייט ווערט איינגעשלאָסן אין דעם כלל פון דער גאַנצער עדה, ווי איין גליד אין גאַנצן קערפּער. ערשט ווען די מדינה איז בטל ווערט ערשט געבוירן די פראַגע פון שכר ועונש, און ער זאָגט ווייטער: די שטראָף קומט ניט גלייך באַלד נאָך די זינד. און ווען מען זעט, למשל, אַ רשעותדיק פאָלק וואָס איז מצליח און די שעה שפּילט אים צו, איילט זיך ניט צו זאָגן אַז די וועלט איז הפקר, און אַז עס איז לית דין ולית דיין; נאָר גלויב, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט קומען זיין טאָג. ווען דאָס פאָלק ישראל האָט געזינדיקט, האָט גאָט געשיקט אים מפּלות דורך די כשדים, די בבלער, די מצרים, אָבער אויך זיי, נאָך דעם דערפילן זייער פונקציע, קריגן זיי אַליין זייער שטראָף...

בכלל האָבן די נביאים געהאַלטן, אַז גאָט שטראָפט ניט מענטשן פאַר טאָן שלעכטס, נאָר דער מענטש באַשטראָפט זיך אַליין, ווייל אין זיין שלעכטס ליגט שוין די שטראָף.

און דער נביא חבקוק, וואָס שרייט אויס זיין פּראָטעסט קעגן די אומגלייכ־הייטן פון דער וועלט, די ניט פריינדלעכקייט צווישן מענטש און מענטש, אויך די פאַרהאַסטע באַציאונגען צווישן פעלקער, פאַרגלייכט ער זיי צו די פיש פון ים: דער גרויסער שלינגט איין דעם קליינעם, און ער זאָגט: עס וועט קומען אַ טאָג ווען אַכזריות און שנאה וועט אויפהערן צו הערשן אויף דער וועלט און עס וועט זיין בלויז רו און פרידן.

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"

**יצחקי**

# מכוח אייגענע און נאָענטע ענינים

## „שער-בלאַט קריטיקער"

דער באַרימטער ליטעראַטור קריטיקער, ש. ניגער ע"ה, האָט אַמאָל זייער טרעפלעך כאַראַקטעריזירט די אַזוי־גערופענע שער־בלאַט קריטיקער:

„דער שער־בלאַט קריטיקער באַנוגנט זיך מיט אַ קוק־געבן אויפן שער־בלאַט פון אַ בוך, און דאָס איז פאַר אים גענוג. ער דאַרף דאָס בוך וואָס ער רעצענזירט נישט לייענען. דער עיקר פאַר אים איז דאָך **ווער** עס האָט עס געשריבן, ניט **וואָס** און ווי ער האָט געשריבן — און **ווער** דאָס שטייט אויפן שער־בלאַט; איז צו וואָס זאָל דער שער־בלאַט קריטיקער לייענען דאָס בוך? זיין פילאָזאָפיע פון קריטיק איז:

„זאָג מיר ווער עס האָט עס געשריבן, וועל איך דיר זאָגן צי עס טויג אָדער ניט."

דער אינטעליגענטנער אויפמערקזאַמער לייענער האָט שוין ניט איינמאָל אָנגעוויזן אויף די מאָדנע „בולבעס" וואָס אַזעלכע קריטיקער מאַכן. שרייבט א. אַלמי אין „היימיש" פון חודש מאַי, ה.י., מכוח דעם ענין:

„ס'איז נאָך פריש אין זכרון ווי ד"ר מוקדוני ע"ה האָט פון מרדכי שטריג־לער'ס אַ באַנד דערציילונגען אַרויסציטירט שורות — און גאַנצע „העלדן"— וואָס זיינען אין בוך נישט בנמצא, און סתם צעדרייט דעם אינהאַלט."

* * *

ריידנדיק מכוח דעם שער־בלאַט קריטיקער איז אויך כאַראַקטעריסטיש דאָ צו דערמאָנען וועגן נאָך אַ מין „קריטיקער" וואָס איז זיך דווקא ניט עוסק מיט דער פען, נאָר מיטן מויל אין באַציאונג צום יידישן בוך. בעיקר באַגעגענען מיר דעם דאָזיקן „קריטיקער" צווישן די קולטור־קרייזן אויף דער פּראָווינץ. ס'רוב פּאַראַדירט ער ווי אַן „אינטעלעקטואַל" אָדער סתם אַן „עפּעס."

דער סאָרט „קריטיקער" וועט אפילו אויפן שער־בלאַט פון בוך ניט אַ קוק טאָן! פאַר אים איז גענוג: אויב דער שרייבער איז נאָר אַ היגער, וועט ער שוין דאָס בוך זיינס מבטל מאַכן, נאָך איידער ס'האָט דערזען די ליכטיקע וועלט.

זיין פילאָזאָפיע איז: וואָס קאָן, למשל, אַ היגער שרייבער (וועמען ער באַ־געגנט דאָ און דאָרטן, אָבער קיינמאָל ניט געלייענט) זאָגן אין אַ בוך אַזעלכעס וואָס **ער** ווייסט שוין ניט!? איז צו וואָס דאַרף ער לייענען גאָר איבגאַנצן!? אָבער... קריטיקירן, זיין אַ פּוסק אַחרון, דאָס יאָ. מיט דעם וויל ער שאַפן דעם איינדרוק, אַז ער איז אויך נישט עפּעס אַבי־ווער!..

* * *

ס'ווערט דערציילט אַן אַנעקדאָט וועגן חיים וויצמאַן, דער ערשטער פּרע־זידענט פון ישראל, און דעם דענישן קיניג.

דער דענישער קיניג האָט זיך באַקלאָגט פאַר וויצמאַנען, ווען דער לעצטער איז געוועןביים קיניג אויף אַ באַזוך:

„שווער צו זיין אַ קיניג ביי די דענער! אויף דערויף האָט אים וויצמאַן געענטפערט: —

„ס'איז נאָך שווערער צו זיין אַ פרעזידענט ביי אַ פאָלק פון פרעזידענטן."..

פאַראַפראַזירנדיק דעם מאמר מעג מען זאָגן:

„ס'איז שווער צו זיין אַ שרייבער ביי אַ פאָלק פון כולנו חכמים, כולנו נבונים — בעיקר — כולנו „קריטיקער"."!

* * *

צו דער זעלביקער קאַטעגאָריע „קריטיקער" קען מען צושרייבן אייניקע וואָס האָבן האָבן אַ טבע רק צו קריטיקירן דעם היגן יידישן קולטור קלוב — אַ קולטור אינסטיטוציע וואָס פייערט שוין איצט איר 33 יאָריקן יובל, און וואָס איז אחד במינו אין יידישן אַמעריקע; האָט אַן אייגענעם פּרעכטיקן בנין (אָן חובות און מאָרטגעדזשעס בלע"ז); פונקציאָנירט מיט אַ פיינער יידישער ביבליאָ־טעק; פּירט דורך יעדן שבת־צו־נאַכט, וואָך איין וואָך אויס, ליטעראַריש־קינסט־לערישע אָוונטן, פאַר אַ היפשן יידיש־יידישן עולם (זע רשימה פון די אָוונטן פון לעצטן זמן אין דעם נומער) אָבער. . . יענע אַזוי־גערופענע „קריטיקער" וואָס שטייען תמיד פון דרויסן און אַליין איז מען נעבעך גאָר קנאַפּע אויפטוער— קריטיקירן סיווי; דאָס איז דאָך די גרינגסטע זאַך! און קיין געלט קאָסט עס זיי אויך ניט ! . . . מיט דעם זיינען זיי יוצא פאַר זייער אייגענעם געוויסן און אימפּאָטענץ . . .

* * *

## 400,000 — אָדער 400 ?

מען איז געניוגט ביי אונדז אין שטאָט צו רעקלאַמירן, אַז מיר האָבן דאָ שוין 400,000 טויזנט יידן, כן ירבו! און מחמת דער אויסטערלישער ציפער, וואַרפט מען אונדז אָפּט פאַר — און מיט רעכט — אַז אַזאַ שטאָט ווי לאָס אַנגעלעס, מיט אַ כסדר וואַקסנדיקער יידישער באַפעלקערונג פון פיר הונדערט טויזנט, זאָל נישט האָבן כאָטש קיין איין יידישע וואָכנשריפט?! אַ יידיש טעאַטער, און זיין אַזוי הינטערשטעליק מיט דעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן ? ! . . .

זאָל דאָ איינמאָל פאַר אַלעמאָל דער אמת אַרויסגעזאָגט ווערן, אַז וואָס שייך דעם יידיש־יידישן סעקטאָר איז די פעריפעריע זייער און זייער אַ באַשרענקטע, אַ מינימאַלע: ס'זיינען די 400 יידיש־יידן אין אונדזער גרויסער צעשפּרייטער ל. א., אויף וועלכע די יידיש־וועלטלעכע קולטור קאָן זיך דאָ שטיצן. עס זיינען עס די יידישע פאָלקס־מענטשן, מיט ליבע און איבערגעבנקייט צום יידישן וואָרט, וועלכע מיר טרעפן אומעטום: צו אַ קבלת־פנים פון אַן אַנגעזעענעם יידישן גאַסט־שריפטשטעלער און דיכטער, וועלכער שווימט צו צו אונדזער פּאַסיפישן ברעג; ס'זיינען עס די יחידי סגולה פון די 400 יידיש־יידן, וואָס זיינען אָפּנעמער

פון אַ יידיש בוך; לייענער פון אונדזער זשורנאַל „חשבון", „צוקונפט", „פרייע אַרבעטער שטימע", „וועקער", „יידישער קעמפער" און אַנדערע. ס'זיינען עס די גוטע ליבע יידן פון די 400 געקליבענע יידישע פאָלקס־מענטשן — (מיר מיינען ניט יענע „400" וואָס זיינען דער סינאָנים אין אַמעריקע פון אַרויפגעאַרבעטע אַלרייטניקעס") — וועלכע קומען צו אַ יידישן רעפעראַט, צו אַ יידישן וואָרט־קאָנצערט, צו אונדזערע יידישע יום־טובים־פייערונגען וכדומה.

אויף די 400 קאָן דאָ דער יידיש־יידישער סעקטאָר זיך שטיצן אין קאַמף פאַרן המשך פון יידיש און קולטור־טעטיקייט — און ניט אויף דעם רוב בנין ומנין פון די 400,000, אויף וועלכע מען פאַררופט זיך דאָ!

**א. באַביטש**

# פ ע ד ע ר ־ ש פ ר י צ ן

אונדזער לאַס אַנגעלעס ווערט אַפּנים אַ צענטער פון ביכער־פאַרקויף. וואָלט איר געגלויבט, אַז מען האָט דאָ פאַרקויפט איבער 200 ביכער פון מנשה אונגער; י. פרידלאַנדס בוך — אַרום 500 קאָפּיעס; דאָס אייגענע נח גאָלדבערגס בוך; דעסגלייכן אסתר הירשביין־שומיאַטשער און מלכה חפץ טוזמאַנס ביכער לידער. איצט האָט זיך פאָרמירט אַ קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַ בוך לידער פון טאַלאַנטפולן דיכטער פּינטשע בערמאַן.

* * *

דער לעבעדיקער, אויף וועמענס נאָמען עס איז דאָ אַ צווייג פון פאַרבאַנד אין מיאַמי, וויל אַלץ דערגיין וואָס זיינען זיינע פליכטן אַלס טרעגער פון אַזאַ נאָמען. דער אָרגאַניזאַטאָר אוירווינג מען, האָט אים געראָטן צו קריגן די איבּ־פאָרמאַציע פון חבר יצחק ליבמאַן פון „וואָכנבלאַט", ער האָט אַ פריערדיקע דערפאַרונג . . .

* * *

אין אַ שול אין מיאַמי האָט מען געגעבן אַ ניו־יאָרקער פאַרבאַנד דעלעגאַט אַן עליה. ווען ס'איז געקומען צום „בעבור שנדר", האָט דער בעל־עליה, גראַד אַ רייכער ייד, איינגערוימט דעם שמש: — שני דאָלאַר! האָט דעם שמש פאַר־דראָסן דעם גאַסט'ס קאַרגשאַפט, און אים צוריק איינגערוימט: — ר' ייד, איר מוזט זיין אַ נישט היגער! ביי אונדז אין מיאַמי איז נישטאָ קיין ש נ י י!

* * *

זאָגט אַ היגער רעפאָרם ראַביי: „עס איז בעסער צו ריידן מיט פרויען און טראַכטן וועגן גאָט, איידער ריידן מיט גאָט און טראַכטן וועגן פרויען.

* * *

אַן אַמעריקאַנער שרייבער האָט אין זיין לעצטן בוך אויסגעדריקט אַנער־קענונג צו זיינע „בייבי סיטערס", וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס דערשיינען פון זיין בוך. ביי יידישע שרייבער וועט אַזוינס ניט פּאַסירן.

* * *

צום חג העשור פון מדינת ישראל האָבן די טוריסטן געזען הענגען פלאַקאַטן מיט די ווערטער: „ברוכים הבאים", געבענטשט זאָלן זיין די וואָס קומען. האָבן די אַרעסטאַנטן אין די טורמעס געמאַכט פלאַקאַטן ביים אַריינגאַנג: „ברוכים היושבים", געבענטשט זאָלן זיין די דאָזיקע וואָס זיצן.

* * *

אַ שליח פון ישראל דערציילט, אַז צווישן די אַריבערגעקומענע תימנער יידן זיינען דאָ אַזעלכע וואָס ווייסן נישט, אַז מען דאַרף נוצן לעפל און גאָפּל ביים עסן. נאָך אַ לאַנגן קאַמף, האָט מען ענדלעך געמאַכט אַ פּשרה, זיי זאָלן דערווייל נוצן נאָר אַ לעפל. וועגן אַ גאָפּל וועט מען שוין זען שפּעטער.

* * *

אַן אַנדער שליח זאָגט, אַז ישראל איז דאָס לאַנד פון נסים. ס'רעגנט נישט און ס'וואַקסט; מען קען נישט קיין העברעאיש און מ'רעדט; מ'האָט נישט קיין געווער און מ'שיסט; מ'פאַרדינט נישט און מען לעבט.

## הזכרה אָוונט פאַר ש. מיללער ז"ל

איז דורכגעפירט געוואָרן זונטיק, דעם 31טן מאַי, אין זאַל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב. אַ גאַר היפשער עולם איז געקומען צו דער הזכרה, צו באַערן דעם אָנדענק פון דעם באַוואוסטן דערציילער און נאָוועליסט, ש. מיללער ע"ה. דער באַוואוסטער שריפטשטעלער, מנשה אונגער, וועלכער האָט געוויילט דאַן אין ל. א. האָט גערעדט וועגן ש. מיללער דעם מענטש און שריפטשטעלער; שלמה האָכבערג, דירעקטאָר פון דעם היגן נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, האָט אַנאַליזירט מיללערס דער־ציילונגען. דער וואָרט־קינסטלער, י. רויטבלום, האָט פאָרגעלייענט פון מיללערס שאַפונגען. די הזכרה האָט איינגעאָרדנט דער ש. מיללער בוך קאָמיטעט און איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון י. מאַקאָווסקי. די ניי דערשינענע ביכער פון ש. מיללערן זיינען פאַרטיילט געוואָרן פון בוך־קאָמיטעט צו די אַבאָנימענטן.

## וויליאַם נאַטאַנסאָן

אונדזער חשובער מיטאַרבעטער, באַוואוסטער יידישער געלערנטער און ליטעראַטור קריטיקער, וויליאַם נאַטאַנסאָן, איז במשך די לעצטע עטלעכע חדשים גאָרניט אין זיין גוטן געזונט. אַגב, איז זיינס אַ נייער בוך אין דרוק ביי דעם „ייד־בוך" פאַרלאַג, אין אַרגענטינע, וואָס וועט בקרוב דערשיינען.

די רעדאַקציע פון „חשבון", די מיטאַרבעטער, זיינע פאַרערער און פריינט, ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.
רעד.

משה ווייסמאַן (אָנטאַריאָ, קאַליפ.)

# צום ערשטן יאָרצייט נאָך ש. מיללער

ווייל איך דאָ איבערזאָגן דעם תלמודישן פסוק: „חבל על דאבדין ולא משתכחין" — שוין אַריבער אַ יאָר זייט מיללער איז מיט אונדז נישטאָ מער. מיט זיין טויט האָט אונדזער יידישע ליטעראַטור געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט. ער וועט אויך פעלן דער יידישער ל. א. הגם מיללער איז אין זיינע לעצטע יאָרן נישט געווען פון די ראש המדברים, האָט אָבער זיין אָנוועזנהייט אַליין משפיע געווען צום גוטן, מחמת מיללער איז געווען אי למדן, אי חכם. דעריבער האָבן מיר זיך באַצויגן צו אים מיט אַ שטילן דרך־ארץ.

אמת, די יידישע קולטור, דאָס יידישע בוך־וועזן, האָט צוגעקראָגן פון אים אַ גרויסע ירושה פון צוועלף ביכער. אָבער דאָס יידישע פאָלקס־לעבן אין שטאָט האָט פון אים אויכעט אַ סך אָפּגעלערנט.

אין די צוואַנציקער און דרייסיקער יאָרן, ווען דאָס יידיש קולטור־לעבן האָט דאָ זיך געהאַלטן אין בויען, האָט ש. מיללער זיינע „גייסטיקע ציגל" אין אַ גרויסער מאָס מנדר געווען צו די יידישע פאָלקס בנינים.

מיללער איז געווען און פאַרבליבן אומקאָמפּראָמיסלעך בנוגע דער יידישער שפּראַך. מיט זיין קלוגן וואָרט און שניידיקע פען האָט מיללער געקעמפט פאַר יידיש מיט די יעניקע יידן, וועלכע האָבן געוואָלט זי אויסבייטן אויף עברית.

ס'איז כדאי איבערצוגעבן כאָטש אַביסל פון מיללערס פאַרצייכענונגען פון אַמאָליקער צייט.

עס איז דאָן געווען די טענדענץ אויף „סאָטאָ גאָס" ביי די מנהיגים פון די יידישע שולן איבערצוגיין פון יידיש אויף עברית. אויף דעם האָט מיללער געהאַט געזאָגט:

„פון עברית צו אַנגלית איז בלויז אַ שריט. אויב אין די שולן (די פאַר־וואַלטער, הייסט עס) ברעכט מען זיך די קעפּ ווי אַזוי גייט מען איבער צו עברית, ברעכן זיך די מיטגלידער פון די „אַנדערע שולן" זייערע צונגען, ווער אויף יידיש און ווער אויף ענגליש: ווי אַזוי ווערט מען פּטור פון דער אַנשיקעניש — יידישע שולן — און מ'ווערט מיט לייטן גליך: מ'הייבט אָן רעדן ענגליש"...

מיללער האָט ביי זיין לעבן געקאָנט זען, אַז מיט דעם לאָס אַנדזשעלעסער יידיש־לייענער האַלט עס נאָך נישט אַזוי שלעכט. ווייל פאַר זיין צייט האָבן די לייענער דאָ אין שטאָט אַרויסגעגעבן זיינע אייגענע צוועלף ביכער, רויזענבלאַטס צען ביכער, ל. שאַפּיראָס צוויי ביכער, פּרץ הירשביינס און אסתר שומיאַטשערס ביכער, נח גאָלדבערגס דריי ביכער, מלכה טוזמאַנס צוויי ביכער, י. פרידלאַנדס דריי ביכער, ברכה קודליס צוויי ביכער, און אַ צאָל אַנדערע.

ש. מיללער האָט נישט מורא געהאַט אַרויסצוזאָגן זיין וואָרט, ווען ער האָט געהאַט וואָס צו זאָגן.

איך האָף, אַז מיר, זיינע לייענער און ליבהאָבער פון יידיש וועלן אים לאַנג געדענקען.

פאַרענדיק איך מיט די ווערטער, ווי אין פסוק שטייט: „כמותו כן ירבו בישראל"— אַזוי ווי ער זאָלן זיין אַ סך ביי יידן! כבוד זיין אָנדענק.

# למען תזכור!

## שרייבער וואָס האָבן געלעבט און געשטאָרבן אין קאַליפאָרניע

פאַרצייכנט פון שמואל דאַמניץ

**בען אוגוסט** — רעפּאָרטער, קאָרעספּאָנדענט.
**ד״ר וו. אָסטראָווסקי** — געשריבן וועגן היגיענע, מעדיצין.
**ישראל אָסמאַן** — חסידישע מעשהלעך, יידיש און עברית.
**לעאָן בלאַנק** — רעדאַקטאָר, פּובליציסט.
**ד״ר לעאָ בלעס** — פּובליציסט, לעקטאָר.
**י. ד. בערקאָוויטש** — שרייבער, פּעדאַגאָג.
**ב. באַטשעליס** — לידער, פּעליעטאָנען.
**ל. בערקאָוויטש** — פּאָעט.
**חיים גאָלדבלום** — קינדער ליטעראַטור, לערער.
**הערשל גאָלדאָווסקי** — דיכטער, לערער.
**ב. גרינפעלד** (בראָנזווילער סטאָליער) — דערציילער.
**דוד גיסנעט** — פּובליציסט, רעדאַקטאָר.
**ראובן דרוסקין** — פּאָעט.
**מ. מ. דאָליצקי** — דיכטער, עברית און יידיש.
**לאה האָפמאַן** — פּאָעטעסע, לערערין.
**פּרץ הירשביין** — דראַמאַטורג, דיכטער.
**ד״ר י. וואָרטסמאַן** — רעדאַקטאָר, פּובליציסט.
**הרב ד״ר יצחק ווערנע** — תלמוד־ליטעראַטור.
**שפרה ווייס** — פּאָעטעסע.
**ראובן לודוויג** — דיכטער
**איידע טיליס** — פּאָעטעסע.
**הרב בנימין מאַרקוס** — פּובליציסט
**מאַטעס לון** — פּאָעט.
**שין מיללער** — נאָוועליסט.
**יודל לעוויט** — זשורנאַליסט.
**ניקעלסבערג** (פּרנס) — דערציילער.
**הרב ש. מ. נעכעס** — רעליגיעזע ליטעראַטור.
**עפּשטיין** — רעדאַקטאָר, זשורנאַליסט
**נחמיה קליין** — שרייבער, פּאָעט.
**קיסמאַן** — פּאָעט.
**רבי ראָזענפעלד** — שרייבער, לערער
**לעאָן מ. ראַגאַן** — פּאָעט, פּעליעטאָניסט, לערער.
**מ. ראַטענשטיין** — רעדאַקטאָר, פּובליציסט.
**ה. רויזענבלאַט** — דיכטער, עסייאיסט
**למד שאַפּיראָ** — נאָוועליסט.
**אַברהם שאָמער** — דראַמאַטורג
**נח שטיינבערג** — ליטעראַטור קריטיק
**מ. שאַליט** — רעפּאָרטער.
**מאַקס שערמאַן** — פּאָעט.

די שומרי החומות, די בויער פון די יידיש פעסטונגען ווערן וויניקער און די רייען שיטערער... טאָ זאָל דער יזכור זיין אַ דערמאָנונג צו די לעבעדיקע „מאָהיקאַנער" צו שאַפן אַחדות און שלום אין אונדזערע רייען און ממשיך זיין די פלאַנצונג פון יידיש וואָרט בכל אַתר ואַתר.

## ליטעראַרישע נאָטיצן

# אונדזערע גרויסע אבידות

## דניאל טשאַרני ע״ה

דניאל טשאַרני, דער פּרינץ פון יידישלאַנד, איז שוין אויך אַרויסגעריסן געוואָרן פון אונדז. ער איז באמת געווען פון די געציילטע שרייבער פון זיין דור, וואָס האָט געהאַט אַ וואַרעמע און אויפריכטיקע באַציאונג צו קאָלעגן שרייבער און צו זיינע גרויסע צאָל לייענער און פאַרערער, מיט וועלכע ער פלעגט קאָרעס־פּאָנדירן. טשאַרני איז געווען אַן אַלזייטיקער שרייבער. אין זיינע זכרונות, לידער, פעליטאָנען און אַרטיקלען האָט זיך תמיד געפילט דער פיינער, איידעלער הומאָר און ליבע צו וועלט און מענטש.

מיט טיפן צער דערמאָנען מיר דעם גרויסן פאַרלוסט פון דעם שטאַרק־באַליבטן מענטשן און דיכטער, דניאל טשאַרני.

## חיים פּעט ע״ה

אין דער זעלביקער וואָך כמעט האָבן מיר אויך פאַרלאָרן דעם בערך נאָך יונגן שריפטשטעלער, חיים פּעט ע״ה. חיים פּעט איז געווען אַן אייגנאַרטיקער שרייבער; זיין פּראָזע איז געווען דיכטונג. איינע פון די שרייבערישע מעלות זיינע איז געווען — די קונסט פון צימצום. דאָס איז אַ באַזונדערע מייסטערשאַפט, וואָס איז אַ זעלטענער אַטריבוט ביי דעם רוב שרייבערס.

## דוד פּינסקי ז״ל

איז שוין דוד פּינסקי, צו אונדזער גרויסן צער און טרויער, אויך פון אונדז אַרויסגעריסן געוואָרן. פּינסקיס אבידה פאַר דער יידישער ליטעראַטור און יידיש־דיישיע קולטור איז אומגעהויער גרויס. ער איז געווען אונדזער אַמבאַסאַדאָר פאַר יידיש אין ישראל.

אַזוי קומט אונדז אויס לעצטנס צו פאַרצייכענען די טרויעריקע ידיעות פון אונדזערע צער׳פולע אבידות. דאָס טראַגישסטע פון דעם איז, וואָס מיר האָבן ניט קיין יורשים וואָס זאָלן פאַרנעמען זייער אָרט.

כבוד זייער הייליקן אָנדענק.

---

**פריינט און לייענער פון „חשבון"**

מוט אייער קולטור חוב! קומט נישט אָפּ נאָר מיט אייער הסכמה און פרומען וואונטש, אַז ס׳איז זייער נויטיק דאָ אַ שריפט אין יידיש — באַווייזט עם מיט מעשים! באַנייט אייער אַבאָנימענט אָפּצאָל!

## פינטשע בערמאַן בוך קאָמיטעט

אין לאָס אַנגעלעס האָט זיך פאָרמירט אַ בוך־קאָמיטעט אַרויסצוגעבן דאָס ערשטע בוך לידער פון דעם באַקאַנטן דיכטער פינטשע בערמאַן. אַן אויספיר־קאָמיטעט פון די ווייטערע באַאַמטע איז דערוויילט געוואָרן. די שריפטשטעלער: י. פרידלאַנד, פאָרזיצער; נח גאָלדבערג, וויצע־פאָרזיצער; דער דיכטער ז. בונין סעקרעטאַר, און מלכה ה. רויזענבלאַט, קאַסירער.

פינטשע בערמאַן איז ניט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער דיכטונג; האָט זיך באַטייליקט אין אַ צאָל צייטשריפטן און זשורנאַלן; איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער אין אונדזער שריפט. ער איז אַ לאַנגיאָריקער תושב דאָ אין שטאָט. זיינע לידער ווערן געלייענט מיט הנאה, און דאָס צוגעגרייטע בוך וואָס גייט אַריין אין דרוק, וועט זיכער אַרויסרופן גרויס אינטערעס.

מיט אָנפראַגן און באַשטעלונגען פאַר דעם בוך, זיך ווענדן צום סעקרעטאַר, ז. בונין.

Z. BUNIN, 4103 Hollyknoll Drive, Los Angeles 27, Calif.

## צאתכם לשלום צו די טוזמאַנס

אויף דער איניציאַטיוו פון דעם שרייבער־קרייז ביים זשורנאַל „חשבון" איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ צאתכם לשלום פאַר דער דיכטערין מלכה טוזמאַן און דעם באַקאַנטן קולטור־עסקן און לערער, שלמה טוזמאַן, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. אַ פיינער אינטעלעקטואַלער עולם און אַלע ל. א. מיטאַרבעטער פון זשור־נאַל זיינען געקומען צום אָפּשייד־אָוונט. מיט באַגריסונגען, אָפּשאַצונגען און ווינטשעוואַניעס זיינען געקומען צום אויסדרוק: שמואל סיגעל, גאַסט פון דעט־רויט, נייער לערער פון די היגע אַ. ר. שולן; ס. נוטקעוויטש, באַקאַנטער יידישער געלערנטער; די דיכטער מאַטעס דייטש, פינטשע בערמאַן, ז. בונין און ראַקאָווי מיגועל; דער דערציילער נח גאָלדבער; די שרייבער א. באַביטש און יצחק ניומאַן; פון טוזמאַנס בוך־קאָמיטעט: משה קאַפּלאַן און יוסף גאָלדבערג; צווישן די געסט זיינען געווען: דר. און פרוי וויסמאַן; פרוי בן־ארי; מלכה ה. רויזענבלאַט; גאָלדע אַרפין; די קינסטלער בצלאל מלחי, מאַי זאַלאַטאַראָוו, ליזע שאַר, א. אַ.

שלמה טוזמאַן האָט אויסגעדריקט זיין אני מאמין וועגן ישראל און די חשובע דיכטערין האָט פאַר פאַרענדיקט די מסיבה מיט וואָרט און ליד. דער אָוונט איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, י. פרידלאַנד.

## דריטער יאָרצייט פון ה. רויזענבלאַט ע"ה

איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דעם רויזענבלאַט צווייג פון פאַרבאַנד און מיט דעם רויזענבלאַט לייען־קרייז, אין זאַל פון יידישן קולטור־קלוב. דער באַ־קאַנטער קולטור עסקן, שלמה האַכבערג, האָט גערעדט וועגן רויזענבלאַטס שאַ־פונגען, און די שוישפּילערין, לאה ווענדאָרף, האָט פאָרגעלייענט אַ ציקל פון רויזענבלאַטס לידער. די הזכרה איז געפירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון ה. ראַבינסאָן, פאָרזיצער פון צווייג.

## אינטימער צוזאַמענטרעף מיט דעם שריפטשטעלער מנשה אונגער און יוסף ראָטענבערג, פון י. ל. פרץ פאַרלאַג אין תל-אביב

אין דער אינטימער היים פון דער חשובער גאָלדע אַרפין־שלאָסבערג, האָבן די קאָלעגן אַרום דעם זשורנאַל „חשבון" געהאַט אַן אינטימען צוזאַמענטרעף מיט די צוויי חשובע געסט. ס'איז אַרומגערעדט געוואָרן דער מצב פון יידישן בוך, וועגן ליטעראַרישע זשורנאַלן אין יידישן אַמעריקע בכלל און „חשבון" בפרט. יוסף ראָטענבערג, פון תל־אביב, האָט איבערגעגעבן פון דעם פרץ פאַרלאַגס דערגרייכונגען במשך די פאָר יאָר פון זיין עקזיסטענץ. מנשה אונגער, וועגן די ליטעראַרישע ניו־יאָרק און די פּראָווינץ.

מען האָט דערנאָך, כמנהג, פאַרענדיקט די אינטערעסאַנטע שמועסן ביי אַ טעפּעלע קאַווע און טאָרט. „חשבון" דריקט אויס אַ דאַנק גאָלדען פאַר איר קאָלע־גיאַלע גאַסטפריינדלעכקייט.

## מנשה אונגער'ס אויפטרעטן אין לאָס אַנגעלעס

במשך די קנאַפּע זעקס וואָכן וואָס אונגער האָט דאָ געוויילט אַלס זייער חשובער גאַסט, איז ער דאָ אויפגעטראָטן מיט אַן ערך 14 רעפעראַטן; חוץ סאַן פראַנציסקאָ, פּעטאַלומאַ, סאַן דיעגאָ און טיאַוואַנאַ, מעקסיקאָ. דער קאָמיטעט, הגם פון געציילטע חברים, האָבן באמת באַוויזן וואונדער, הן אין דעם איינאָרדענען די רעפעראַטן והן אין דעם ביכער פאַרקויף. זיינע וואַרעמע חסידים קומט גרויס אַנערקענונג, און אונגערן — אַ וואַרעמען יישר־כוח.

# נייע ביכער

## צום נאָענטסטן שטערן- -יידיש—פון מאַטעס דייטש, שוין דערשינען

ס'איז אַרויס פון דרוק אַ באַנד לידער און פּאָעמעס פונעם דיכטער און עסייאיסט, מאַטעס דייטש. דאָס בוך איז אַרויס פונעם י. ל. פרץ ביבליאָטעק פאַרלאַג אין תל אביב, ישראל.

דאָס בוך איז אַ קאָמפּלעטע איינזאַמלונג פון דריי צענדליק יאָר שאַפן. עס אַנטהאַלט 300 זייטן. אין בוך גייט אַריין אַן אינטערעסאַנטער בריוו פונעם גרויסן דיכטער, א. ליעסין, און אַ צווייטער בריוו פונעם באַדייטנדיקן דיכטער, עסיי־איסט און קריטיקער, יעקב גלאַטשטיין.

די בריוו זיינען בנוגע דעם ווערט און באַדייט פונעם גאַנג אין דער יידישער פּאָעזיע. עס פאַרשטייט זיך, אַז די בריוו שטרייכן אויך אונטער די אַנדערשקייט פונעם דיכטער, מאַטעס דייטש.

דאָס איז דער דריטער באַנד לידער און דער זעקסטער בוך פון זיינע אַלגעמיינע ווערק וואָס זיינען ביז איצט דערשינען זינט 1922.

צו באַקומען ביים מחבר:—

MATTES DEITCH, 1246 N. Orange Dr., Hollywood 46, Calif.

## „וואַנדערונגען און נסיונות" פון י. פרידלאַנד

לאָס אַנדזשעלעס (איט"א) — „וואַנדערונגען און נסיונות" איז דער נאָמען פון אַ בוך פון י. פרידלאַנד, וואָס איז דאָס אַרויסגעגעבן געוואָרן פון אַ ספּעציעלן קאָמיטעט מיט דער מיטהילף פון יידישן קולטור־קלוב.

דאָס בוך פון 256 זייטן איז איינגעטיילט אין 3 אָפּטיילונגען: 1) אין יענע טעג (נאָוועלע); 2) איבער דער בריק פון דורות (דערציילונגען); 3) קאַליפאָרני־אַדע (דערציילונגען). דער שער־בלאַט איז געצייכנט פון בצלאל מלחי. אין דעם בוך געפינט זיך אויך אַ פּאָרטרעט פון דעם מחבר, געצייכנט פון יעקב סינדעלמאַן. דאָס איז פרידלאַנדס דריטער בוך. די ערשטע צוויי זיינען: „רוי־ערד" (1949), און „פון פּאַסיפיק ביז כנרת" (1953)

אין דער נאָוועלע „אין יענע טעג" ווערט געשילדערט דאָס לעבן פון דעם העלד אין דער תקופה פון אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין צאַרישן רוס־לאַנד נאָך די פּאָגראָמען אין קישענעוו, זשיטאָמיר און אַנדערע שטעט, און די גרויסע אַנטוישונגען נאָך דעם דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פון יאָר 1905.

די דערציילונגען פון דער צווייטער אָפּטיילונג זיינען פון דער אַלטער היים און אין ארץ־ישראל, און די דריטע אָפּטיילונג אַנטהאַלט דערציילונגען פון יידישן לעבן אין קאַליפאָרניע.

דער פּרייז איז $3.00. זיך ווענדן צום „ציקאָ" פאַרלאַג, אָדער צום מחבר:

I. FRIEDLAND — 4375 Sunset Drive — Los Angeles 27, Calif.

---

**ש. ד. זינגער:** „דיכטער און פּראָזאאיקער" (עסייען) אַרויסגעגעבן פון בילדונג אָפּטיילונג פון אַרב. רינג. ניו־יאָרק 1959, ציק"אָ פאַרלאַג, 336 זייטן.

**סאָלאָמאָן קאַהאַן:** „ביאַליסטאָק"— אַ מאָנאָגראַפיע וועגן דער שטאָט ביאַליסטאָק — אַרויסגעגעבן דורכן ביאַליסטאָקער צענטער, ניויאָרק־מעקסיקאָ. 1959, בראָשירט.

**בנימין קאָוואַלסקי:** „רייזע מיניאַטורן—מעקסיקאָ ד.פ. 1958, 34 ז"ז.

**ש. מיללער:** פאַרבליבענע כתבים, צוויי בענד, אַרויסגעגעבן פון דעם ש. מיללער בוך־קאָמיטעט אין ל. א., 1959.

**לוי גאָלדבערג:** „פרוכט אויף מיין בוים"—לידער. פאַרלאַג „פעדער", ניו־יאָרק, 1959, 152 ז"ז.

---

## זשורנאַלן און צייטשריפטן

„אויפן שוועל", ניו־יאָרק; „פרייל‌אַנד", פאַריז; „אילוסטרירטע בלעטער", „שריפטן"; „דער שפּיגל"; „אַרגענטינער ביימעלעך"; „דאָס פרייע וואָרט", בוע־נאָס איידעס. „אויפסניי", „זיין", ניו־יאָרק. „די שטימע", „דער וועג", „מעקסי־קאַנער בלעטער", מעקסיקע. „היימיש", ישראל. „אַמעריקאַנער", קינדער צייטונג.

# דריי-און-דרייסיק יאָריקער יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

דעם היינטיקן ראש־השנה ה'תש"ד איז געוואָרן דריי־און־דרייסיק יאָר זינט דער קולטור־קלוב האָט זיך געגרינדעט. אַוודאי איז גרינג אויסצורעדן 33 יאָר! טראַכט מען זיך אָבער ערנסט אַריין, וויפיל מי, ענערגיע און עקשנות אַ יידישע קולטור אָרגאַניזאַציע, בעיקר אויף דער פּראָווינץ, האָט געמוזט דורכ־טראָגן אַט־די אַלע יאָרן, בכדי ביכולת זיין אָנצוהאַלטן דעם המשך פון יידישער קולטור טועונג אויף אַ באַשטימטער קולטור ניוואָ; ניט פאַרפלאַכט ווערן און ניט אונטערגעבן זיך צו דער דרויסנדיקער אַלץ־פאַרכאַפּנדיקער אַסימילאַציע; ווען מע נעמט דאָס אין זינען, הייבט מען אָן איינצוזען, אַז אונדזער 33 יאָר לעבן, ווירקן און שאַפן, איז באמת אַ וואונדער, אַ פענאָמען...

רעטראָספּעקטיוו זעען מיר, אַז במשך די 33 יאָר פון אונדזער אַקטיוויטעט דאָ אין שטאָט, האָבן מיר אויסגעפילט אַ באַשטימטן חלל אין אונדזער היגן יידישן לעבן. פאַר די אַלע יאָרן האָט דער קולטור־קלוב, יאָר־איין יאָר־אויס, וואָך־איין וואָך־אויס, פּלאַנמעסיק און אומאונטערבראָכן אָנגעפירט מיט זיינע קולטורעלע און ליטעראַרישע קינסטלערישע פּראָגראַמען, און געבראַכט פון דאָס בעסטע, וואָס איז נאָר מעגלעך געווען צו באַקומען דאָ אין שטאָט, פלוס די הונ־דערטער געסט שריפטשטעלער, דיכטער, יידישע געלערנטע, וועלכע זיינען צו־געשוואומען צו אונדזער פּאַסיפישן ברעג. מחמת דעם טאַקע איז דער קולטור קלוב באַוואוסט געוואָרן בכל תפוצות ישראל און איז אפילו אַ אחד במינו אין יידישן אַמעריקע.

מיר ווייסן נישט פון אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע אין אונדזער ידיש־יידישן סעקטאָר, וואָס זאָל אָנהאַלטן אַזאַ פּרעכטיקן קולטור צענטער, וואָס דינט ניט נאָר די מיטגלידערשאַפט פון קולטור קלוב, נייערט ער איז אויך געוואָרן אַ זאַמל־פּונקט פאַר דעם רוב פון די יידישע קולטור מסיבות פון אַנדערע קולטור געזעל־שאַפטן, ווי: די יערלעכע ייוו"א קאָנפערענצן; קבלת־פּנים פאַר געסט שרייבער און קינסטלער, און אַנדערע קולטור צוזאַמענקומען.

מיר האָבן שוין ביי אַנאַנדער געלעגנהייט עס דערמאָנט און מיר דאַרפן עס אָפטער דערמאָנען, מחמת דאָס איז דער סאַמע יסוד פון אונדזער דויער און דער גאַנצער תמצית פון אונדזער קולטור פּראָגראַם:

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב, אין זיין איינשטעל, איז איבערפּאַרטייאיש און איז ביי קיינעם נישט בודק זיין פּאָליטישע אָריענטאַציע; פאַרן קלוב איז גענוג וויכטיק און קולטור־ווערטיק, אַז אַ ייד וואָס געפינט אַן אינטערעס אין אונדזערע קולטורעלע מסיבות, האָט הנאה פון יידיש גערעדטן וואָרט, פון יידיש געזונגענעם ליד, פון אַ יידישער לעקציע, פון יידיש ליטעראַרישע און מוזיקאַ־לישע אָוונטן, האַלט הויך יידישע קולטור אַספּיראַציעס, העלפט אין דערהויבונג פון יידישן קולטור מצב, און איז געטריי די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אומעטום אין זייער צעשפּרייטקייט, איז ער אָדער זי ראוי צו ווערן אַ חשובער מיטגליד אין יידישן קולטור־קלוב. ס'איז דאָך קלאָר: דעם וועמען קולטור אויף יידיש אינטערעסירט נישט מער, דער וואָס איז שוין שפּראַכלעך

אַסימילירט, אַזעלכער וועט צו אונדז נישט קומען — און קומט טאַקע נישט!

שטיצן מיר זיך ס'רוב אויף דעם ייִדיש־ייִדישן מענטשן, וואָס איז פאַרוועבט מיט אומצעררייסבאַרע פעדעם אין ייִדיש־ייִדישן לעבן.

צו אונדזער פרייד און טרייסט האָבן מיר דאָ אין ל. א. נאָך אַ גאַנץ באַדייטנדיקע צאָל ייִדיש־ייִדן, אמת'ע פאָלקס־מענטשן, מיט ליבע און איבערגעבנקייט פאַר ייִדישע קולטור־ווערטן און, זיי באַטראַכטן דעם ייִדישן קולטור־קלוב פאַר זייער גייסטיקע קולטור־היים, פאַר זייער מאָדערנעם בית־המדרש. נאָר מיט דער הילף און קאָאָפּעראַציע פון אָט־די צענדליקע אויפריכטיקע ייִדישע קולטור־אַספּיראַנטן איז דער קולטור קלוב געוואַקסן אין איכות און אין כמות און איז ביכולת אָנצעווייזן אויף ממשותדיקע דערגרייכונגען, אויף אַזעלכע פּרוכטיקע אַריכת ימים — דריי־און־דרייסיק יאָר, כן ירבו!

דער קולטור־קלוב, כידוע, פּירט דורך די פונקציעס וואָס אַ ייִדישער קולטור־צענטער איז מחויב דורכצופירן. דאָך ווערט אונדזער צענטער ניט געשטיצט פון דער ייִדישער קהילה אָדער „קאָמיוניטי קאָונסיל", ווי אַנדערע „סענטערס", הגם מיר זיינען יאָ באַרעכטיקט סובסידירט צו ווערן, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס אַ גרויסע צאָל ייִדן קומען זיך דאָ צוזאַמען, יעדן שבת צונאַכט און יעדן מאָנטיק אָוונט, און לעבן זיך דאָ אויס אויף אַן עכט ייִדיש קולטורעלן אופן. אין צוגאָב צו דעם, ווערט אויסגעהאַלטן אַ פיינע צירקולירנדיקע ייִדישע ביבליאָטעק, וואָס איז פון די איינציקע דאָ אין שטאָט פון דעם מין, מחמת די ביכער ווערן דאָ אַרויסגעגעבן צום לייענען און שטייען נישט אויף די פּאָליצעס פאַר אַ שיינדל, אָדער פאַר אַ פאַרשונג בלויז.

אויך די אויסגאַבע פון דעם זשורנאַל „חשבון", וואָס האָט זיך שוין געשאַפן אַ נאָמען אין דער ייִדישער וועלט ווי אַן ערנסטע ליטעראַרישע שריפט, איז אין אַ גאַר גרויסער מאָס צום פאַרדאַנקען דער איניציאַטיוו פון דעם ייִדישן קולטור קלוב. מיר מיינען נישט צו זאָגן, אַז אַלץ איז שוין ביי אונדז פּערפעקט און מיר זיינען שוין צופרידן מיט די דערמאָנטע דערגרייכונגען! אַוודאי ווייסן מיר, פּונקט ווי יענע „מויל־שרייערס" און גרויסע „קריטיקערס", וואָס זיינען אַגב אַליין גאָר קליינע אויפטוער, אַז מע דאַרף דאָ האָבן אַ ייִדישע וואָכנשריפט, אַ ייִדיש טעאַטער און נאָך און נאָך. מיר ווייסן אָבער זייער גוט ווי שווער עס איז צו דערגרייכן דאָס וואָס מע קען דאָ דערוויזן. מיט אונדזער גרויסן וואוקס פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, 400 טויזנט, כן ירבו! זיינען מיר אָבער דאָ זייער און זייער באַשרענקט אין ייִדיש־גייסטיקע קולטור־שעפערישע כוחות.

מיר ווילן ציען דעם אויפמערק פון אונדזערע לייענער צו דער רשימה פון די קולטורעלע און ליטעראַרישע שבת־צונאַכטן, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן במשך פון לעצטן זמן. איר וועט זיך קענען שאַפן אַ גענוי קלאָר בילד וועגן די פאַרצווייגטע און אומאונטערבראָכענע קולטור אַקטיוויטעט, מיט וועלכע דער קולטור־קלוב האָט זיך אָפּגעגעבן לעצטן יאָר, און דאָס אייגענע די אַלע יאָרן פון קולטור־קלוב'ס עקזיסטירן.

מיר ווילן דאָ, ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט פון דעם 33טן יובל, אויסדריקן אונדזער וואַרעמע אָנערקענונג צום חבר יעקב ניומאַן, אונדזער פּראָגראַם

דירעקטאָר, פאַר צוגרייטן די ליטעראַריש־קינסטלערישע שבת־צונאַכטן; חבר בריסן, פאַר די קולטורעלע מאַנטיקן; חבר נ. אַזאָלין, אונדזער מיט ליבע איבער־געגעבענעם ביבליאָטעקאַר; דעם גאַנצן אַקטיוו, די חברים און חברות און פריינט פון יידישן קולטור קלוב. נאָר אַ דאַנק זייער מאָראַלע און פינאַנציעלע הילף זיינען מיר ביכולת געווען אָנצופירן מיט דער פאַרצווייגטער קולטור טעטיקייט און אויפהאַלטן אונדזער יידיש־יידישן קולטור־צענטער.

## לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

**י. פרידלאַנד,** פרעזידענט
**מ. ל. קאָפּעלאָף,** פינאַנץ סעקרעטאַר

## באַאַמטע און אַדמיניסטראַציע פון ל. א. יידישן קולטור קלוב פון דעם יאָר 1958-59

ה. רויזענבלאַט, ערן־פרעזידענט

י. פרידלאַנד, פרעזידענט
תנחום בריס, וויצע־פּאָרזיצער
שמואל בריינין, וויצע־פּאָרזיצער
מ. ל. קאָפּעלאָף, פינאַנץ סעקרעטאַר
יעקב ניומאַן, פּראָגראַם דירעקטאָר
א. קאַמינקער, פּראָטאָקאָל סעקרעטאַר
א. שוואַרץ, קאַסירער
שלמה צוקערמאַן }
מ. וואַנאַרסקי } פינאַנץ קאָמיטע
מיני שוואַרץ, בריוו פאַרוואַלטונג
ציליע צוקערמאַן, הויז פאַרוואַלטונג
נ. אַזאָלין, ביבליאָטעק און אַרכיוו
א. אייראָוו, פאַרטרעטער צום
ל. א. יידישן קאָמיוניטי קאָונסיל

### מיטגלידער פון אַקטיוו:

י. וויינמאַן
א. באַביטש
ציליע צוקערמאַן
ליובאַ בריינין
מוסי פרידלאַנד
אַניוטאַ קאָפּעלאָף
שרה ווינאַרסקי
גאָסי אייראָף

# רשימה פון ליטעראַרישע און מוזיקאַלישע שבת-צונאַכטן פון 33-טן זמן 1958-59 פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

## —1958—

א) שבת אָוונט, 4טן אָקטאָבער, איז דורכגעפירט געוואָרן אַ סוכות און שמחת־תורה פייערונג. ס'איז אויך דערוויילט געוואָרן די באַאַמטע און דירעקטאָרן ראַט פון קולטור־קלוב פאַרן נייעם יאָר. ד"ר דוד ברידזשער, וועגן יום־טוב.

ב) שבת אָוונט, 18טער אָקטאָבער, איז געפייערט געוואָרן דער 32 יאָריקער יובל פון קולטור קלוב. אין דער ליטעראַריש־מוזיקאַלישער פּראָגראַם האָבן אנטייל גענומען: פייגעלע פּאַניטש, געזאַנג; סימע גרין, פּיאַנאָ; אַרנאָלד סוקאָניק, פידל־קינסטלער; שענאָן געלסאָן, פּיאַניסט; יעקב ניומאַן, פּאָר־לייענונג; הערי לאַנג, באַגריסונג; י. פרידלאַנד, פּאָרזיצער פון 33סטן זמן.

ג) שבת אָוונט, 25טן אָקטאָבער: אַ ליטעראַטור אָוונט לכבוד דעם נייעם נומער זשורנאַל „חשבון". אנטיילנעמער: י. פרידלאַנד, רעדאַקטאָר, וועגן זשורנאַל און זיין פעריפעריע; הערי לאַנג, וועגן יידישן זשורנאַליזם; נח גאָלדבערג, באַגריסונג; מרדכי מייזיל, פאָרלייענונג.

ד) שבת אָוונט, 1טער נאָוועמבער: ליטעראַטור אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון מלכה חפץ־טוזמאַנס נייעם בוך לידער: „מילד מיין ווילד." אנטיילנעמער: סערגיי נוטקעוויטש מיט אַן אָפּשאַצונג; אַברהם זיגלבוים רעציטירט פון טוזמאַנס נייע לידער; ברכה קודלי, לייענט אַ פּאָרטרעט פון מלכה טוזמאַן; משה קאַפּלאַן, באַגריסונג פון בוך קאָמיטעט; י. פרידלאַנד, פּאָרזיצער.

ה) שבת, 8טער נאָוועמבער — ליטעראַריש־מוזיקאַלישער אָוונט לכבוד דער דערעפענונג פונם חודש פון יידישן בוך. פּראָגראַם: גדאַל זאַלעסקי, טשעליסט; פּיאַנאָ באַגלייטונג, י. שלאָסער; מאַטעס דייטש, וועגן גורל פון יידישן בוך; יעקב ניומאַן, פּאָרזיצער פון אָוונט.

ו) שבת, 15טן נאָוועמבער — פרץ הירשביין געדענק־אָוונט. (10טער יאָרצייט). זלמן זילבערצוויג האָט רעפערירט וועגן „פרץ הירשביין—מענטש און שריפטשטעלער"; משה שטראַסבערג, פון שוואַרצ'ס קונסט טעאַטער, האָט אויפגעפירט פראַגמענטן פון הירשביינ'ס „די פוסטע קרעטשמע", „פאַרוואָרפן ווינקל", „דעם שמיד'ס טעכטער."

ז) שבת אָוונט, 22טן נאָוועמבער — „די גייסטיקע ירושה ביי יידן און אַנדערע פעלקער." שמואל קעלעמער, באַקאַנטער בעל מנגן, מיט פּאַסיקע פּאָלקס־לידער; יעקב ניומאַן, פּאָרזיצער.

ח) שבת, 29טן נאָוועמבער—ד"ר לובלינער אין אַ רעפעראַט: „דאָס לעבן און שאַפן פון דעם פילזייטיקן געלערנטן און נע־ונד'ניק, אברהם אבן עזרא." יעקב ניומאַן, פאָרלייענונג פון אבן עזרא'ס לידער; שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ.

ט) שבת אָוונט, 6טער דעצעמבער—קבלת־פּנים פאַרן גאַסט־שריפטשטעלער סאָלאָמאָן קאַהאַן און חנוכה פייערונג: חזן נתן קאַצמאַן — חנוכה לידער; מ. ריסקין, פּיאַנאָ באַגלייטונג; יעקב ניומאַן — חנוכה פאַרלייענונגען; קאָלעקטיווע לייענונג; געזאַנג בציבור; חנוכה לאַטקעס. י. פרידלאַנד מיט ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען וועגן חשובן גאַסט, סאָלאָמאָן קאַהאַן, און דער גאַסט פון אָוונט מיט באַמערקונגען און איינדרוקן.

י) שבת, 13טן דעצעמבער—אַ מוזיקאַלישער און ליטעראַרישער אָוונט. באַטייליקטע: מאַרק קרעמער, פידל־קינסטלער; הערמאַן שאַלאָף, פּיאַנאָ; מאַטעס דייטש, געלייענט אַן עסיי לכבוד חנוכה; לאה וועגדראָף, שוי־שפּילערין, מיט פאַרלייענונגען.

יא) שבת אָוונט, 20טן דעצעמבער—אַ סימפּאָזיום איבער באָריס פּאַסטערנאַקס באַרימט ווערק „דר. זשיוואַגאָ". אַנטיילנעמער: הערי לאַנג; שלמה טוזמאַן; יעקב ניומאַן, מאָדעריטאָר; י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

יב) שבת, דעם 27טן דעצעמבער—אַ קולטור־אָוונט לכבוד דער דערשיינונג פון בערל סאַט'ס נייעם קונסט אַלבאָם. אַנטיילנעמער: די קינסטלער־קאָלעגן קאַוונער־גראַדסקי און בצלאל מלחי, וועגן קונסט. אַלעקס ראַבין, באַגריסונג פונם בערל סאַט אַלבאָם קאָמיטעט און אַנד.. און אַ וואָרט פונם בעל שמחה.

## — 1959 —

יג) שבת, דעם 3טן יאַנואַר—באַוואוסטער געלערנטער, רבי חדש פון סיני טעמפּל, מיט אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „מענדעלע—דער זיידע פון דער יידישער ליטעראַטור." יצחק רויטבלום, פאַרלייענונג פון מענדעלעס שאַפן.

יד) שבת, 10טן יאַנואַר—אַ למד שאַפּיראָ געדענק אָוונט. די דיכטערין מלכה טוזמאַן רעפערירט וועגן ל. שאַפּיראָס שאַפונגען; י. פרידלאַנד האָט פאָרגע־טראָגן ביאָ־ביבליאָגראַפישע באַמערקונגען פון ל. שאַפּיראָ; יעקב ניומאַן— פאַרלייענונג פון שאַפּיראָס שאַפונגען.

טו) שבת אָוונט, 17טן יאַנואַר—צו דער דערעפענונג פונם חודש פאַר יידישער מוזיק. חזן סילווערמאַן מיט אַ ציקל לידער, סאָלאָס און מיט זיין כאָר. י. פרידלאַנד, וועגן דער באַדייטונג און וויכטיקייט פון מוזיק־חודש און מוזיק פעסטיוואַלס; יעקב ניומאַן, פאָרזיצער.

טז) שבת אָוונט, 24טן יאַנואַר— אַ ש. ניגער אָוונט. משה מאַנדלמאַן, פאַרטרע־טער פון אַלוועלט. יידישן קולטור קאָנגרעס, רעפערירט וועגן „ש. ניגערס אידייען און זיין ראָל ווי פאָרשער און קריטיקער פון יידישער ליטעראַטור." אברהם זיגלבוים רעציטירט פון יידישער דיכטונג. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער.

יז) שבת אָוונט, 31טן יאַנואַר—אַן אָפּאַטאָשו געדענק־אָוונט, צוזאַמען מיט דעם מלאַוער אָפּאַטאָשו קלוב. סערגיי נוטקעוויטש רעפערירט איבער אָפּאַטאָ־שוס שאַפונגען; יעקב ניומאַן, מיט פאַרלייענונגען פון אָפּאַטאָשוס ווערק. אַלעקס בערנער, פאַרטרעטער פון דעם אָפּאַטאָשו קלוב.

יח) שבת, 7טן פעברואַר—קולטור און קונסט אָוונט. עסטעל מאַרלאָו, פאָלקס־זינגערין, אין אַ ציקל לידער. ד״ר ליבער רעפערירט אויף דער טעמע: „איינפלוס פון תנ״ך אויף דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע.״

יט) שבת אָוונט, 14טן פעברואַר—אַ קבלת־פנים און רעפעראַט פון מלך עפשטיין אויף דער טעמע: „דער היינט און מאָרגן פון דעם ייד אין אַמעריקע.״

כ) שבת אָוונט, 21טן פעברואַר—אַ צאתכם לשלום פאַר די אַקטיווע חברים שלמה און ציליע צוקערמאַן, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. אַ מוזיקאַלישע פּראָגראַם; אָפּשאַצונגען וועגן זייער אַקטיוויטעט און בייטראַג צום קול. קלוב.

כא) שבת אָוונט, 28טן פעברואַר— מוזיק און טעאַטער רעפעראַט. חיים ערענרייך גאַסט אין ל. א. רעפעראַט: „איז נאָך דאָ אַ האָפענונג אויף יידיש טעאַטער אין אַמעריקע?״ באַגריסער צום גאַסט, הערי לאַנג; יעקב ניומאַן, פאַרלייענונג.

כב) שבת אָוונט, 7טער מערץ — מלוה־מלכה און צאתכם לשלום לכבוד די חברים יעקב און אידיט ניומאַן, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. פּראָגראַם: גדאַל זאַלעסקי, טשעליסט; וואָלטער לעסער, פּיאַניסט; שמואל קעלעמער, געזאַנג. יעקב און אידיט ניומאַן, מיט געזעגענונגס ווערטער. טישן כמו מלוה מלכה.

כג) שבת אָוונט, 14טן מערץ — רעפעראַט איבער דעם באַרימט געוואָרענעם ווערק „עקסאָדוס״, געהאַלטן פון רבי וויינשטיין. אין מוזיקאַלישן טייל פון אָוונט — נתן קאַצמאַן מיט נייע ישראל לידער; י. ריסקין פּיאַנאָ באַגלייטונג.

כד) שבת, 21טן מערץ — טראַדיציאָנעלער פּורים אָוונט. יצחק קאָלער, וועגן דעם יום־טוב פּורים. י. פרידלאַנד לייענט פאַר פּורימדיקס; קאָלעקטיווע לייענונג פון אַ צאָל חברים און חברות. פּורים לידער. געזאַנג בציבור אָנגעפירט פון חבר קאַמינקער.

כה) שבת אָוונט, 28טער מערץ — יידישער פאָלקלאָר און הומאָר. מאַטעס דייטש רעפערירט וועגן יידישן פאָלקס־הומאָר. לעאָן פּיעלד, פידל־קינסטלער, אין מוזיקאַלישע נומערן; שענאָן געלסאָן, פּיאַנאָ. י. פרידלאַנד: ווערטלעך און חכמהלעך פון דעם אוצר פון הומאָר.

כו) שבת, 4טן אַפּריל — אַברהם ליעסין געדענק־אָוונט. הערי לאַנג רעפערירט וועגן ליעסין אַלס מענטש און דיכטער. שמואל קעלעמער האָט געזונגען אין אַ ציקל פון ליעסינס לידער.

כז) שבת אָוונט, 11טן אַפּריל — באַוואוסטער פּסיכיאַטאָר האָט רעפערירט אויף דער טעמע: „יוגנטלעכע פאַרברעכער ביי יידן אין פאַרגלייך מיט אַנדערע פעלקער.״ אין מוזיקאַלישן פּראָגראַם איז אויפגעטראָטן די פאָלקס זינגערין ביטריס אַשדאָן אין יידישע לידער.

כח) שבת אָוונט, 18טן אַפּריל — יערלעכער ייוו״א אָוונט לטובת דעם ייוו״א. ד״ר דוד ברידזשער רעפערירט איבער שמעון ראַווידאָוויטש ע״ה. יצחק רויטבלום, פאַרלייענונגען; אָסקאַר סלאַדעק, ישראל מוזיקער, אַקאָרדיאָן.

כט) שבת אָונט, 25טן אַפּריל (חול המועד): אַ וואָרט וועגן יום־טוב פּסח. קאָלעק־טיווע לייענונג פון חברים און חברות; לידער און דערציילונגען לויטן נוסח פון דער הגדה; מאַטעס דייטש אין אַ שלום עליכם פאַרלייענונג. צווייטער טייל פון אָונט געווידמעט דער עפענונג פון אַקציע לטובת דעם קולטור קלוב.

ל) שבת אָונט, 2טן מאַי — 70 יאָריקער יובל פון ה. לייוויק. מלכה טוזמאַן האָט גערעדט וועגן „לייוויק דער דיכטער"; ס. בוטקעוויטש, וועגן גאולה־אידייען אין לייוויקס דראַמעס; י. רויטבלום רעציטירט פון לייוויקס לידער; י. פרידלאַנד ברענגט ביאָ־ביבליאָגראַפישע דאַטעס פון לייוויקס שאַפן.

לא) שבת אָונט, 19טן מאַי — צום הונדערט יאָריקן יובל פון שלום עליכם האָט דער גאַסט־שריפטשטעלער, מנשה אונגער, גערעדט וועגן שלום עליכם; פייגעלע פאַניטש, אין אַ ציקל לידער פון שלום עליכם, און אַנדערע. י. פרידלאַנד האָט געלייענט די צוואה פון שלום עליכם.

לב) שבת, 16טן מאַי — ליטעראַטור אָונט לכבוד דער דערשיינונג פון דעם נייעם נומער (17) „חשבון". באַטייליקטע אין דעם אָונט: דער רעדאַקטאָר פון זשורנאַל, י. פרידלאַנד; דער דערציילער, נח גאָלדבערג; די דיכטערין, ברכה קודלי; דער דיכטער און עסייאיסט, מאַטעס דייטש; חזן נתן קאַצמאַן מיט געזאַנג נומערן.

לג) שבת אָונט, 23טן מאַי — האָט דער וואָרט־קינסטלער, זיגמונט ליעוו, אויס־געשפּילט ז. סעגאַלאָוויטשעס דראַמאַטישע פּאָעמע: „די וואַנט". שענאַן געלסאָן, אין אַ ציקל געטאָ קאָמפּאָזיציעס. געטאָ לידער. געזאַנג בציבור.

לד) שבת אָונט, 30טן מאַי — איז דורכגעפירט געוואָרן אַ „לעבעדיקע צייטונג". ס'איז געווען פאַרטראָטן: דער עדיטאָריעל, קריטיק, דאָס ליד, פעליטאָן; מיטן אנטייל פון אַ צאָל שרייבער. מלכה טוזמאַן—מיט אַ ציקל לידער, באַ־גלייט פון דער פליטיסטין, מיס רוס. פינטשע בערמאַן, מאַטעס דייטש, ז. בונין — פאַרגעלייענט לידער. י. פרידלאַנד האָט פאַרגעלייענט פון זיין נייעם בוך דערציילונגען.

לה) שבת אָונט, 6טן יוני — קבלת פנים פאַר י. פרידלאַנדס נייעם בוך דער־ציילונגען: „וואַנדערונגען און נסיונות." הערי לאַנג גיט אַ לענגערע אָפּ־שאַצונג איבערן בוך. גדאַל זאַלעסקי, טשעליסט; שענאַן געלסאָן, פּיאַניסט. באַגריסונגען פון שרייבער קרייז: נח גאָלדבערג; פון אַרבעטער רינג: איידע ראָזען; פון פאַרבאַנד: יצחק ניומאַן; פון קלוב: מ. ל. קאָפּעלאָף; פון בוך־קאָמיטעט: מיני שוואַרץ. אַ דאַנקזאָגונג פון מחבר.

לו) שבת, 13טן יוני — פייערלעכער אָפּשלוס פון 33סטן זמן פון ל. א. יידישן קולטור־קלוב. באַטייליקטע: באַרימטער פידל קינסטלער, דזשאַשאַ דאַטסקאַ; שענאַן געלסאָן, פּיאַניסט; פייגעלע פאַניטש, יידישע פאָלקסלידער; חיים שאַפּיראָ, באַגריסונג צום 33סטן סיום הזמן. י. פרידלאַנד, פאָרזיצער, מיט אַ דערעפענונג און שלוס־וואָרט צו דער פייערלעכער געלעגנהייט.

# רשימה פון קולטורעלע מאָנטיקן פון דעם זמן 58-1959

## —— 1958 ——

א) מאָנטיק אָוונט, 5טן מאַי—יעקב ניומאַן: „לייענען און פאַרשטיין ליטעראַ־רישע שאַפונגען"

ב) מאָנטיק אָוונט, 16טן יוני—אָפּשלוס פון 33טן זמן; באַריכטן פון לעצטן זמן אַקטיוויטעטן און שמועס וועגן ווייטערע פּלאַנירטע טעטיקייטן.

ג) מאָנטיק אָוונט, אָקטאָבער 13טן—דערעפענונג פון נייעם זמן פון קולטו־רעלע מאָנטיקן.

ד) מאָנטיק אָוונט, אָקט. 20טן—בערנאַרד ווינד: „יידישע גבורה דורך דורות."

ה) מאָנטיק אָוונט, אָקטאָבער 27טן—קאָלעקטיווע לייענונג: „דער שרייבער, דאָס בוך און דער לייענער."

ו) מאָנטיק אָוונט, נאָוו. 3טן—י. צאָרעף: „מאָמענטן אין יידישער געשיכטע."

ז) מאָנטיק אָוו., נאָוו. 10—ב. גאָרעוויטש: „די לעצטן וואַלן און זייער באַטייט."

ח) מאָנטיק אָוונט, נאָוו. 17טן—שייע שוכאַטאָוו: „אַנטיסעמיטיזם אין סאָוועט רוסלאַנד."

ט) מאָנטיק אָוונט, נאָוו. 24טן—מאָטל פּאַגאָרעלסקי: „ביי דער וויסל", נאָוועלע פון מענדל מאַן.

י) מאָנטיק אָוו., דעצ. 1—משה לייב קאָפּעלאָף: „דער תהלים ייד" פון שלום אַש.

יא) מאָנטיק אָוו., דעם 15—אליעזר דאָרין: „דאָס פּראָבלעם פון דערציאונג."

יב) מאָנטיק אָוו., דעצ. 15—אליעזר דאָרין: „ש. ניגער, ליטעראַטור קריטיקער און היסטאָריקער."

יג) מאָנטיק אָוו., דעצ. 22—אלקנה כראַבלאָוו: „מנחם באָריישאָ, פּובליציסט."

## —— 1959 ——

יד) מאָנטיק אָוונט, יאַנואַר 5—א. באַנק, אַן אייניקל פון מענדעלען: עסייען פון בעל מחשבות.

טו) מאָנטיק אָוונט, יאַנואַר 12—ראָוז באַלאַט: „נאָר אין אַמעריקע" פון העריגאָלדין.

טז) מאָנטיק אָוונט, יאַנואַר 19—בען צוקערמאַן: „יוסף קלויזנער, פילאָזאָף און היסטאָריקער."

יז) מאָנטיק אָוונט, יאַנואַר 26—שייע שוכאַטאָוו: „יידן אין די לאַגערן וואָס האָבן קאַאָפּערירט מיט די דייטשן."

יח) מאָנטיק אָוונט, פעברואַר 2—עלאַ בורנס: „דער יידיש־אַמעריקאַנער ראָמאַן."

יט) מאָנטיק אָוונט, פעברואַר 9—ליליען מייזנער: „דער לאַנגער חלום" פון ריטשאַרד רייט.

כ) מאָנטיק אָוונט, פעברואַר 16—אלקנה כראַבלאָוו: „דאָס הויז פון די ליאַל־קעס" פון ק. צעטניק.

כא) מאָנטיק אָוונט, פעברואַר 23—שייע שוכאַטאָוו (צווייטע לעקציע): „יידן אין די לאַגערן."

כב) מאַנטיק אָוונט, מערץ 2—חברה ווייסמאַן: „משה, פרינץ פון עגיפּטן.“

כג) מאַנטיק אָוונט, מערץ 9—נ. גורעוויטש: „אין די אונטערקוליסן פון דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע.“

כד) מאַנטיק אָוונט, מערץ 16—זלמן שניאור הזכרה. מ. ל. קאַפּעלאַף: „זלמן שניאור—מענטש און דיכטער.“

כה) מאַנטיק אָוונט, מערץ 23—י. פרידלאַנד: „שמאָלע טראָטואַרן“, ראָמאַן פון יאָסל בורשטיין.

כו) מאַנטיק אָוונט, מערץ 30—רבקה קאַרסאָן און חבר קאַרסאַן: „מדינת ישראל און איר וואוקס.“

כז) מאַנטיק אָוו. אַפּריל 6—אליעזר דאַרין: „ברוך וולאַדעק, זיין לעבן און שאַפן.“

כח) מאַנטיק אָוונט, אַפּריל 13—א. באַנק: „וועגן לייוויקס רעדע אין תל־אביב אין יאָר 1950: די הייגטיקע ראָלע פון דער יידישער ליטעראַטור.“

כט) מאַנטיק אָוונט, אַפּריל 27—נ. אזאָלין: „אַ שיר השירים ראָמאַן אין אַ שטעטל אין גאַליציע איבער אַ פּשוטער מעשה“, פון ש. עגנון.

ל) מאַנטיק אָוונט, מאַי 4—אַ שמועס איבער קהלשע ענינים. (קאָלעקטיוו).

לא) מאַנטיק אָוונט, מאַי 11—בתיה ווייסמאַן: „די מאָדערנע יידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור.“

לב) מאַנטיק אָוו. מאַי 18—חבר זילבערט: „ד״ר הערצל“ (צו זיין 55טן יאָרצייט)

לג) מאַנטיק אָוו. מאַי 25—ט. ברייס: „שטיקלעך און ברעקלעך פון יידישן לעבן.“

לד) מאַנטיק אָוונט, יוני 1—נ. אזאָלין: „אונדזער צווייטער תנ״ך“ (מכות שטריג־לערס אַן עסיי).

לה) מאַנטיק אָוונט, יוני 8—ל. מילער: „הכל תלוי במזל“—וועגן שרייבער און דענקער.

## „קאַליפאָרניער יום־טוב בלעטער“ דערשינען

געווידמעט דעם גרינדער און רעדאַקטאָר, יוד לאַמעד מאַלאַמוט, וואָס פייערט איצט זיין 75סטן געבוירנטאַג, און 50 יאָריקן יובל לכבוד זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, מיט די ווייטערדיקע באַטייליקטע:

בצלאל מלחי, מאַטעס דייטש, משה און חייקע גלאַזער, דר. א. א. ראַבאַק, יוד לאַמעד, יוסף קיץ, א. טאַבאַטשניק, משה גלאַזער, אַהרן קאַרלין, שלמה געלט־נער, מלכה חפץ־טוזמאַן, א. ש. ווייזער, דר. יצחק אונטערמאַן, י. אַדלער, ה. רויזענ־בלאַט, מאיר שטיקער, עליזה גרינבלאַט, דר. זאַנוויל קליין, בעריש וויינשטיין, העניך אַקערמאַן, לעאָן בילמעס, לאָטי מלאך, גאָלדע שלאָסבערג־אַרפין, פּינטשע בערמאַן, ז. בונין, בען צוקערמאַן, יצחק שמוסער, עליזאַבעט באַטאַנזאָן, ראָוז שאָמער באַטשעליס, יוסף שפּיגלמאַן, מאָריס פאַרבער און מיני ראָזמאַן.

דער קאָלעגיום פון יובל־נומער: משה גלאַזער, מאַטעס דייטש, דר. זאַנוויל קליין, יוסף קיץ, וויליאַם פרידמאַן און א. באַביטש.

# אַ פייערלעכער קבלת-פּנים

איז דורכגעפירט געוואָרן אין יידישן קולטור־קלוב, לכבוד די חברים: יעקב און אידיט ניומאַן און שלמה און צילי צוקערמאַן, צו זייער צוריקקער פון ישראל. יעקב ניומאַן איז דער פּראָגראַם דירעקטאָר פון קולטור־קלוב און די צוקערמאַנס זיינען די פּאַרוואַלטערס פון קלוב. ביידע, סיי ניומאַן און סיי צוקער־מאַן, יעדער אויף זיין אופן טראָגט צו זייער פיל צום אויפהאַלט און דערפאַלג פון יידישן קולטור קלוב.

יעקב ניומאַן האָט אין אַ לענגערן באַריכט איבערגעגעבן זיינע איינדרוקן פון ישראל, בעיקר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם קולטור און בוך־וועזן אין ישראל און, אַז יידיש און יידיש לשון פאַרנעמט דאָרטן אַ גאַר אַנגעזען און בכבודיק אָרט.

שלמה צוקערמאַן האָט חוץ זיינע באַמערקונגען פון ישראל, וועגן די גרויסע אויפבוי טעטיקייט וואָס גייט דאָרט אָן און דאָס אידעאַלע לעבן פון די קיבוצים, האָט ער אויך אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון זיין באַזוך אין יידישן פוילן. זייער ווייניק נחת האָט ער געזען דאָרטן: יידיש לעבן (אויב מען קען עס אָנרופן יידיש לעבן) איז דאָרט כמעט ווי ניטאָ. צילי צוקערמאַן האָט אין קורצע צוגאָב־באַמערקונגען אויך אויסגעדריקט אַ דאַנק צום קלוב און די חברות וואָס האָבן צוגעגרייט אַזאַ פייערלעכן קבלת־פּנים. ס'איז אויך דערמאָנט געוואָרן מיט פרייד דער צוריקקום פון ישראל, די חברים: משה קאַפּלאַן, פּערל פעדער און ליזע שאָר.

---

## דער צאתכם לשלום צו די אייעראָפּס

ביים זעלביקן אָונט איז געגעבן געוואָרן אַ האַרציקן צאתכם לשלום צו זאַהרן און גאָסי אייעראָף, צו זייער אָפּפאָר קיין ישראל. די אייעראָפּס זיינען לאַנג־יאָריקע מיטגלידער אין קולטור קלוב, פון די ראשונים, כמעט פון ערשטן יאָר פון זיין גרינדונג, מיט 33 יאָר צוריק. דער קלוב און אַלע אנוועזנדיקע צו פייער־לעכן אָונט, וואָס איז פאָרגעקומען זונטיק אָונט, דעם 2טן אויגוסט, האָבן זיי וואַרעם געוואונטשן אַ האַרציקן אָפּפאָר און געזונטן צוריקקער. די אייעראָפּס האָבן אויסגעדריקט אַ דאַנק צום קולטור־קלוב פאַר איינאָרדענען דעם אָפּשייד־אָונט.

פריינט קאַפּעלאָף האָט באַגריסט די צוריקגעקומענע חברים פון ישראל און די אָפּפאָרנדע קיין ישראל. דער דריי־פאַכיקער יום־טוב איז פאָרגעקומען זונטיק אָונט אין קולטור־קלוב אונטערן פאָרזיץ פון י. פרידלאַנד, ביי יום־טובדיקע טישן כמו באַנקעט.

---

**ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט פון דעם זשורנאַל „חשבון"**

## אונדזער וואַרעמע אַנערקענונג צו חברים גאָסי און יוסף שפּיגלמאַן

מיר ווילן דאָ, אויף די שפּאַלטן פון דער שריפט עפּנטלעך אויסדריקן, אין נאָמען פון יידישן קולטור קלוב אונדזער האַרציקסטן דאַנק און וואַרעמע אַנער־קענונג צו חבר און חברה גאָסי און יוסף שפּיגלמאַן, פאַר זייער ברייטהאַרציקע שטיצע צום קולטור קלוב, סיי אין מזומן און סיי אין מתנות. חוץ וואָס די שפּיגל־מאַנס האָבן באַדייטנדיק בייגעטראָגן, ווען מיר האָבן געבויט דעם בנין פון קלוב, טראָגן זיי אויך צו, צו יעדער געלט־אַקציע, אַנטקעגן קומען דעם יערלעכן בו־דזשעט פון קולטור קלוב. היי־יאָר ווילן מיר מיט פריד פאַרצייכענען און דער־מאַנען, האָבן זיי אויך, חוץ $250 מזומן, אונדז געגעבן אַ זייער דאַנקבאַרע און נויטיקע מתנה, נעמלעך: זיי האָבן אַריינגעשיקט אין קלוב אַ „גרענד־פּיאַנאָ״.

די שפּיגלמאַנס זיינען באמת פון די געציילטע וואָס האָבן דעם גייסטיקן כוח און ווילן דאָס צו טאָן; ניט אַלע קענען זיך דערהויבן צו אַ מדרגה פון האָבן אַ ווילן צו געבן...

קומט אייך דעריבער, ליבע חברים שפּיגלמאַן, אַן אמתער יישר־כוח און אונדזער האַרציקסטע אַנערקענונג.

**ל. א. יידישער קולטור קלוב**

**מ. ל. קאָפּעלאָף**, סעקרעטאַר

---

## קבלת־פּנים פון פרידלאַנדס נייעם בוך „וואַנדערונגען און נסיונות״

דער ל. א. יידישער קולטור־קלוב מיט דעם י. פרידלאַנד׳ס בוך־קאָמיטעט האָבן דורכגעפירט אַ פייערלעכן קבלת־פּנים לכבוד דער דערשיינונג פון י. פריד־לאַנדס נייעם בוך דערציילונגען. די פייערונג איז דורכגעפירט געוואָרן ביי יום־טובדיקע טישן כמו באַנקעט און אַ היפשער עולם, פריינט און פאַרערער פונם מחבר האָבן אויסגעהערט אַ ביז גאָר פיינעם מוזיקאַלישן און ליטעראַרישן פּראָ־גראַם: גדאַל זאַלעסקי, דער באַרימטער טשעליסט, האָט פאָרגעטראָגן יידישע און קלאַסישע קאָמפּאָזיציעס, און הערי לאַנג, באַוואוסטער זשורנאַליסט, האָט געגעבן אַ לענגערע אָפּשאַצונג איבער דעם בוך „וואַנדערונגען און נסיונות״; נח גאָלד־בערג, באַקאַנטער דערציילער, האָט באַגריסט אין נאָמען פון שרייבער־קרייז ביים זשורנאַל „חשבון״; פון אַרבעטער רינג האָט באַגריסט איידע ראָזען, און פון נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד, פּרץ הירשביין צווייג, דער שרייבער יצחק ניומאַן; פון קולטור קלוב, משה לייב קאָפּעלאָף; פון בוך קאָמיטעט, מיני שוואַרץ, סעקרעטאַרין.

טעלעגראַמעס זיינען געלייענט געוואָרן פון דער דיכטערין אסתר שומיאַ־טשער הירשביין, פון דער שריפטשטעלערין ראָוז שאָמער באַטשעליס, און פון דעם שריפטשטעלער און ליטעראַטור קריטיקער, סאָלאָמאָן קאַהאַן, פון מעקסיקע.

דער מחבר האָט צום שלוס באַדאַנקט דעם קלוב, דעם בוך־קאָמיטעט, וועלכע האָבן דערמעגלעכט די דערשיינונג פון בוך. דער אָוונט איז פּרעכטיק דורכגע־פירט געוואָרן אונטערן פאָרזיץ פון דעם באַקאַנטן דיכטער פּינטשע בערמאַן, אין אַ גאָר געהויבענער יום־טובדיקער שטימונג און אַטמאָספערע.

# באַגריסונג צום 33 יאָריקן יובל פון ל.א. יידישן קולטור קלוב

## דער פרץ הירשביין צווייג 352 יידישער נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד

טרעט איצט אַריין אין דעם צוואַנציקסטן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. במשך די אַלע יאָרן האָט ער צוגעטראָגן אַ גרויסן חלק פון געלט־זאַמלונג פאַר דעם נאַציאָנאַל־פאָנד און הסתדרות קאַמפּיין, ישראל באָנדס, וועלפעיר, און אַנד.

אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און פראַטערנאַלן געביט קאָנען מיר אָנווייזן די רעגולערע פאַרזאַמלונגען יעדן חודש, מיט פּראָגראַמען אויף אַ הויכן ניוואָ. אויך דער הילפס־פאָנד פונקציאָנירט אין גוטן אָרדענונג. אויף דעם קולטורעלן געביט שטייט דער הירשביין צווייג אויף אַ גאַר הויכער פּאָזיציע: אַלע ימים טובים ווערן געפייערט; לעקציעס איבער וויכטיקע טעמעס, אויך פאָרלעזונגען און מוזיקאַלישע נומערן ווערן אַדורכגעפירט.

ווי איר זעט, טוען מיר כמעט די אייגענע קולטור־אַרבעט, וואָס עס טוט אויך אַ גרעסערן מאַסשטאַב דער לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב. מיר זיינען שטאָלץ וואָס עס געפינען זיך צווישן אייערע מיטגלידער אַ גרויסע צאָל חברים פון אונדזער צווייג. זייט געגריסט!

י. פריינד, פאָרזיצער
פ. ברוידע, ל. קעסלמאַן — וויצע־פאָרזיצערס
יצחק ניומאַן, אַנאַ קעסלמאַן, סעקרעטאַרן.

---

## אַ יאָר טעטיקייט פון פרץ הירשביין קולטור קלוב

צו די צוויי־וועכנטלעכע קולטור־אָוונטן האָבן דעם זמן צוגעטראָגן די חברים: ל. שטיינבערג, מ. פּאָגאָרעלסקי, יוסף גינזבורג, קעטרין גרינשפּאַן, מ. סטעף, קלאַראַ דובין; די באַגאַבטע רעפערנטין ליליען מייזנער וועגן דר. זשיוואַגאָ, און יוסף קיץ.

מיר האָבן דעם יאָר בייגעשטייערט: פאַרן „יידישן קולטור קאָנגרעס" $55, ייוו"א $20, „צוקונפט" $10, צום ה. לייוויק געבוירנטאָג $10, קינדער־זשורנאַל $5, „חשבון" $5, „קאָמיוניטי קאָונסיל" $5 — צוזאַמען: 110 דאָלער.

מיר האָבן געגומען אָן אנטייל דורכצופירן די שלום עליכם פאָרשטעלונג פון נ. אַ. פאַרבאַנד טרופּע; די 11 יאָר פייערונג פון מדינת ישראל און דורכגע־פירט אַ שלום עליכם פייערונג מיט גרויס דערפאָלג.

אין דער „פרץ הירשביין ביבליאָטעק" איז דעם יאָר אַרויסגענומען געוואָרן 1,119 יידישע ביכער, לויט דעם באַריכט פון דער אָושען פּאַרק לייבראַריען, מיס ראָוזמערי זשעסמין, און נייע ביכער געקויפט פאַר $86.90.

דער פאָרשטייער פון „פרץ הירשביין קולטור קלוב" פון סאַנטאַ מאָניקאַ יידישן קאָמיוניטי קאָונסיל האָט פאָרגעשלאָגן צו ביישטייערן $100 צו קויפן ביכער פאַר דער ביבליאָטעק. דער פאָרשלאָג איז כמעט איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן.

מרדכי פּאָגאָרעלסקי, סעקרעטאַר

# אַ דאַנק־וואָרט

די פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב דריקט דאָ אויס אַ האַרציקן דאַנק און אַנערקענונג צו די פאָלגענדע חברים און חברות, מיטגלידער און פריינט פון קולטור־קלוב, פאַר זייער באמת וואַרעמער קאָאָפּעראַציע אוןביישטייערונג. איר, ליבע פריינט, העלפט אונדז, טיילוויז, צו דעקן דעם דעפיציט פון יעדן סוף זמן וואָס דער קלוב האָט, און פאַרגרינגערט דעם עול פון אויפהאַלטן אונדזער אַלעמענס יידישן קולטור צענטער דאָ אין לאָס אַנגעלעס.

מיט דאַנק און קולטור גרוס,

פאַרוואַלטונג פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

# ביישטייערונגען

$250.00

יוסף און גאָסי שפּיגעלמאַן

$125.00

שלמה און צילי צוקערמאַן
משה לייב און אַנוטע קאָפּעלאָף
יוסף און דזשעני וויינמאַן

$100.00

חבר און חברה סידני בראַון
סעם און העלען לעווין
מאָריס און סערע ווינאַרסקי
יצחה און מוסיע פרידלאַנד
חבר און חברה סעמועל דראַנזעק
אייב און מיני שוואַרץ

$50.00

עלעק און רבקה קאַרסאַן
חבר און חברה יוסף ליוואַק
אַהרן און גאָסי אייראָף
חבר און חברה אייב ראַטבלאַט
חבר און חברה לואיס זעלמאַן
חבר מאַקס זינגמאַן

פעני לעווין — אין לויטערן אָנדענק
פון מיין ליבן מאַן, בען לעווין
חבר און חברה יעקב ניומאַן

$35.00

חבר טשאַרלי צוקערמאַן
חבר און חברה חיים און שרה באַשע דאַרנאָו
חבר הערי גאָלד.

$25.00

סעם און דאָראַ לעווין
חבר און חברה עלעק קאַמינקער
חברה סאָפיע שוואַרגער
חברה ליבע האָראָוויץ — אין אָנדענק
פון מיין באַליבטן מאַן, נייטן האָראָוויץ
חבר משה קאַפּלאַן
חבר און חברה עדוואַרד פישער
חברה ראָוז באַלאָט
חבר און חברה מאַקס און חנקע סטעף
חבר סאַול אַדעס
חבר און חברה מאָריס אייזענבערג
חבר און חברה הערי שטערנפעלד
חבר יונה בערקאָוויטש

## באַגריסונגען צום 33 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

חבר און חברה י. גרינשפּאַן
יוסף און פייגעלע פּאַניטש
חבר און חברה דויד פרייערמאַן
חיים און באַשקע שאַפּיראָ
שמואל און ליובע ברייניִן
חבר און חברה דזשוליוס אַראָן
חבר און חברה היימאַן קינג
חברה פּערל פּעדער

### $15.00

חבר און חברה הערי מאָנסאָן
חבר און חברה מאיר און חוה דראָזד
חבר מאָריס סילבערט
חבר און חברה אייב סטיט
חבר מ. לאַזאַרוס
חבר און חברה וויליאַם און ראָוז שאָמער באַטשעליס
חבר עליק דיכטער
חברה ס. סקאָקאָווסקי
חבר און חברה אַברהם באַביטש
חבר נייטן אזאלין
חבר און חברה לואיס טובערט
חבר און חברה פיליפּ און ברכה ריסקין
חברה דאָראַ באָריס—אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן, אַברהם באָריס
חבר און חברה יוסף גאָלדבערג
חבר און חברה מ. רומאַק
חבר און חברה הערי שטראָסבערג
בערל און טערעזא סאָטט
חבר און חברה אַברהם שטורם
חברה מירל מאַרגאָליס
חבר און חברה סאָל גיליס
חברה בעסי גאָטלין ווייס
חבר און חברה דזשיי גערסאָן
חברה חייקע אייזענבערג (שלמה צוקערמאַנס שוועסטער)
חבר דייוויד מאָסט
חבר ה. וויזעל

### $10.00

חברה גערטרוד נאַפּטאָלין
חבר און חברה הערי אייבראַמס
חבר און חברה תנחום ברייס
חבר און חברה ישראל אוןביילקע בלום
חבר און חברה מ. און סאָפי קראָל
חבר און חברה בען און מיני צוקערמאַן
חבר און חברה סעם פריד
חבר און חברה אַברהם און חייקע באַנק
חבר און חברה עקיבא בערמאַן
חבר און חברה ראָבערט און פּערל טעמפּער
חבר סעם שפּיגעלמאַן
חברה סערע יאַפע
חבר און חברה חראַבלאָוו
חבר און חברה ל. קינגסטאָן
חבר און חברה דויד ווינער
חבר און חברה מאָריס און ריווא גאַלאַנטי
חבר היימאַן יאַפע
חבר און חברה יוסף דובין
חברה דזשעני גינזבורג — אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן, הערשל גינזבורג

יהושע און מיני גרינהאָף — שיקן פון ברוסטער, ניו־יאָרק, זייער וואַרעמע באַגריסונג צום 33 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

איזידאָר און עלאַ בוירנס
חבר און חברה א. נעף
חבר און חברה ס. ליינער
זלמן און צילי זילבערצווייג
חבר און חברה סעמועל גראָסמאַן
חבר און חברה סעם שאַרף
חבר און חברה דזשיי. קאַפּלאַן
חבר און חברה הערי דאַנציגער
חבר און חברה הערי און גאָסי פּערלאָוו
חבר און חברה ראַלף קליין
חבר און חברה רפאל ראָזענשטיין

## באַגריסונגען צום 33 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

חבר און חברה יצחק איזגור
חבר און חברה יצחק און שרה האפקין
חבר און חברה בען סאָלאָמאָן
חברה ראָוז מישקין
חבר און חברה אייב און אסתר דיימאָנד
חבר און חברה לואיס קעסעלמאַן
חבר און חברה פיליפּ און חנה לערנער

$5.00

חבר און חברה א. ראָזענטאַל
חבר און חברה מ. פּרוזיאַנסקי
חבר און חברה י. פּאַרמאַן
חבר און חברה דוד גליקמאַן
חבר און חברה באָריס ווינער
חבר ה. פרידמאַן
חבר מאָריס באָרנשטיין
חבר און חברה דייוויד פּאָלסקי
חבר און חברה חיים לייב מילער
חבר און חברה בענדזשאַמין פרידקין
חבר און חברה מרדכי און שרה פּאַגאָרעלסקי
חבר און חברה י. פּאַלמער
חברה רעי דייטש
חבר י. ראָזענבערג
חבר און חברה בצלאל און גרונה מלחי
חבר און חברה מ. בלאַק
חברה גאָסי סאַרטאָ
חבר און חברה מאָריס האָלצמאַן
חבר און חברה הערי שולמאַן
חבר און חברה לואיס וויינמאַן

חבר און חברה משה און בלומע שטיינבערג
חברה פנינה אָסמאַן
יעקב און פייגעלע מילער
חברה סאָפי אַקסעלראָד
חבר מיכאל האַרעליק
חבר און חברה דויד און חנה פעלדמאַן
חבר און חברה וויליאַם בעלקין
חבר און חברה מאיר קאַסטעל
חבר מרדכי מייזעל
חברה מיני ראַפּעל
חבר א. וו. גאָלד
חבר און חברה יעקב און איוואַ ווייסמאַן
חבר און חברה אייזיק לעווין
חבר און חברה וויליאַם גוזיק
חברה בעסי געלסין
חבר און חברה יצחק ניומאַן
חבר און חברה וויליאַם דעניטץ
חבר און חברה יונה און לינאַ דרעל
חברה עליזאַבעט באַטשעליס
חבר און חברה אָשר קיפּניס
חבר און חברה סעם לאָבעל
חבר און חברה ז. בונין
חבר און חברה סעם קאַרפּמאַן
חבר און חברה סעם סטאָר
חבר און חברה סעמועל דאָרפמאַן
דר. קאַרל שוגאַר
חבר און חברה ה. האָכפּילד
חבר און חברה פיליפּ ברוידי
חברה אידע ראָזען

## נאַציאָנאַל פּראָגרעסיווער אַרבעטער רינג ברענטש 605

באַגריסט דעם קולטור קלוב צו זיין 33 יאָריקן עקזיסטענץ. אונדזערע וואַרעמ־סטע ווונטשן פאַר נאָך אַ סך יאָרן פון קולטור־שעפערישע טעטיקייטן.

**רפאל ראָזענשטיין**, סעקרעטאַר

---

## דער חיים גאָלדבלום לייען-קרייז

באַגריסט דעם יידישן קולטור קלוב צו זיין 33 יאָריקן יובילעאום און ווינטשט אים נאָך פילע קולטורעלע דערגרייכונגען.

**חייקע באַנק**, סעקרעטאַרין

---

## אַרבעטער רינג לייען-קרייז

עס איז פאַר אונדז שטענדיק אַ כבוד צו באַגריסן דעם ל. א. יידישן קולטור קלוב צו זיין נייעם יאָר פון קולטורעלער אַרבעט.

מיר וואַרטן שטענדיק מיט נייגעריקייט פאַר דעם יערלעכן זשורנאַל „חשבון" ווייל ער איז פילזייטיק, פילפאַרביק אין זיינע ליטעראַרישע וואַריאַציעס, ניט נאָר פון אונדזער אייגענעם אַרום, נאָר מיר געפינען דאָרטן אַ סך מאַטעריאַל וועגן יידיש שאַפן אַרום גאָר דער וועלט.

די פרויען לייען־קרייזן זיינען היינט צו טאָג אַ וויכטיקער צוגאָב צו אונדזער קולטורעלן לעבן, און מיר שאַצן שטאַרק אָפּ אייער אַרבעט.

מיר ווינטשן דעם קלוב נאָך אַ סך יאָרן פון אַקטיווער אַרבעט און זיינע טוער זאָלן אָנגיין מיט דער זעלבער איבערגעבנהייט ווי ביז איצט.

מיט אַכטונג,

**אַרבעטער רינג לייען-קרייז**

**סיידי פינקלשטיין**, סעקרעטאַר

---

ווערט אַ מיטבויער און אַן אַבאָנענט
פאַר דעם זשורנאַל „חשבון"

באַגריסונגען צום 33 יאָריקן יובל פון ל. א. יידישן קולטור קלוב

בן גוריון צווייג פון פאַרבאַנד

י. בעקער, סעקרעטאַר

ה. רויזענבלאַט לייען-קרייז

גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

דוד פּינסקי צווייג פון פאַרבאַנד 385

סעמועל דאָרפמאַן, פּרעזידענט

יודזשין דעבס בר. אַרבעטער רינג

י. סילווערשטיין, סעקרעטאַר

אַברהם ליעסין ברענטש 663 אַרבעטער רינג

דויד פעלדמאַן, פאָרזיצער

ה. רויזענבלאַט צווייג פון פאַרבאַנד

ראָבערט טעמפּער, סעקרעטאַר

שלום עליכם צווייג פון פאַרבאַנד

מ. אטענבערג, סעקרעטאַר

יידישע טעגלעכע ראַדיאָ

מאָנטיק ביז פרייטיק — 10:30 - 10 אינדערפרי

DIAL KBLA — 1490 KC.

זונטיק אינדערפרי — פון 10:30 ביז 12

DIAL KALI — 1430 KC.

זלמן זילבערצווייג

צייליע סילווער

## ווייצמאַן-זאַלצמאַן צווייג פון פאַרבאַנד

אונדזער צווייג איז שוין 20 יאָר אַלט. פּלאַנירן מיר בקרוב פייערן די דאָטע מיט אַ פּאַסיקן יום־טוב. דער צווייג איז רייך אין מעשים טובים, סיי קולטורעל און סיי פינאַנציעל. די ציפערן פון יאָר 1958 ביישטייערונגען, ווי: באָנדס פאַר ישראל, „וועלפעיר", הסתדרות, נאַציאָנאַל־פאָנד, הבונים, אינסטיטוט, ייוו"א, ביכער א. א. זיינען געווען די ניט קליינע סומע פון דרייסיק טויזנט דאָלער.

מיר גרייטן זיך צו אַ נייעם יאָר שעפערישע אַקטיוויטעטן.

מיט טרויער דערמאָנען מיר דעם פאַרלוסט פון אונדזערע חברים און חברות: שרה שראַגאָ—מרים מלמד—משה טרובין—ה. סטערלינג. כבוד זייער אָנדענק.

**בען צוקערמאַן**, פּאָרזיצער **מענדל דינסאָן**, פינ. סעקר.

## אויפבוי גרופּע פּועלי-ציון מזל-טוב ח"י 18 יאָר

די אויפבוי גרופּע אין ל. א. איז באַקאַנט מיט איר טעטיקייט מחוץ די גרענ־ניצן פון קאַליפאָרניע. אַ דאַנק אירע טעטיקייטן פאַר דער פּועלי ציוניסטישער באַוועגונג, ווי אויך פאַר דער חברשאַפט און קולטור אַטמאָספערע צווישן דער מיטגלידערשאַפט. חוץ די אַחריותפולע אַרבעט און הילף זינט „הקמת המדינה" מיט גרויסע ביישטייערונגען, ווערן אויך דורכגעפירט חודשלעכע עונגי שבת, מיט היגע און אויך אויסער שטאָטישע געסט, ווי דער אָוונט, דער זמן, מיט מנשה אונגערס אַ לעקציע און אַנדערע קולטור פּראָגראַמען.

אונדזערע ביישטייערונגען צו אַלע נאַציאָנאַלע און לאָקאַלע אינסטיטוציעס, זיינען היי־יאָר געווען ניט ווייניקער ווי לעצטן יאָר, די ניט קליינע סומע פון העכער 22 טויזנט דאָלער.

**לענאַ שיפּריס**, סעקרעטאַר

---

**מיט טרויער** ווילן מיר דערמאָנען די גרויסע אבידה פון אונדזערע אַקטיווע חברים, וואָס זיינען לעצטנס אַוועק פון אונדז אין דער אייביקייט:

**משה טרובין — לייב יאַסמאַן — יוסף האָפמאַן**

כבוד זייער הייליקן אָנדענק.

פאַר דער קולטור קאָמיסיע פון דער גרופּע „אויפבוי"

**בען צוקערמאַן**

מיר שיקן די האַרציקסטע ברכות

צו דעם

לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור קלוב

און ווינטשן אים נאָך גרעסערע דערגרייכונגען

צו זיין 33 יאָריקן יובילייִ.

חבר און חברה

# יוסף שפּינעלמאַן

# לזכרון

פון אונדזערע מיטגלידער נפטרים ע״ה
תשי״ט:

בען לעווין
יוסף סייד
שרה גאַנדז
מאַקס האָלצמאַן
גייטען קאַהאַן
לואים יאָסמאַן
הערי מאַנסאָן

GROMAN
MORTUARY
HARRY GROMAN, President
preferred by most
Jewish Families
830 W. Washington Blvd.
LOS ANGELES
RIchmond 8-2201
EXCLUSIVE JEWISH OWNERSHIP
AND MANAGEMENT

אונדזער מיטגעפיל צו אייך, ליבע חברה

## פעני לעווין

אויפן פאַרלוסט פון אייער ליבן מאַן

## בען לעווין ע״ה

זייט געטרייסט און געשטאַרקט אין אייער גוטער אַרבעט פאַר ישראל און די צאָל גוטע פריינט וואָס איר האָט אין קולטור קלוב.

לאָס אַנגעלעסער יידישער קולטור קלוב

מ. ל. קאָפּעלאָף, סעקרעטאַר

## MR. & MRS. JACK NEWMAN

and his Friends

## FRED CHARLIE

BOX 46065 HOLLYWOOD 46

## WILSHIRE ESCROW CO.

4049 WILSHIRE BLVD.

## GREENE & POSNER

CERTIFIED PUBLIC ACCOUNTANTS

8421 Wilshire Blvd. Beverly Hills, Calif.

## PHILIP GERBER

225 South Beverly Drive Beverly Hills, Calif.

*In Honor of MR. and MRS. JACK NEWMAN*

Program Director of Culture Club

## FLIER FURS

8400 Wilshire Blvd. OL. 3-0940

## MR. & MRS. LOUIS ALPERT

1012 NORTH CAROL

## HYMAN KING

REAL ESTATE

114 So. Detroit St. NOrmandy 3-9315

**JOE and JENNIE WEISMAN'S**

**and their Friends**

---

**MILTON FALK**

2739 OAKHURST LOS ANGELES

---

**HANDY SPOT INC.**

1515 NORTH ALVARADO

---

**LINNY'S OF BEVERLY HILLS**

252 N. Beverly Dr. Beverly Hills, Calil.

---

**A. W. SEYMON MARKET**

1367 SO. FIGUEROA ST. LOS ANGELES

---

**SIMON ROTCHER — ARCADE LIQUOR**

3709 Wes 190th Street TORRANCE, CALIF.

---

**WIENER, CROCKER & KANE**

449 South Beverly Drive Beverly Hills, Calif.

---

**ROSS ICE CREAM**

## LEONARD PORTUGAL

FUR MERCHANT

635 South Hill Street MAdison 2-1904

---

## SAMUEL & SOPHIE WILSON

In Memory of Father DAVID DENINSON

---

## ART PRINTING SERVICE

228 WEST FOURTH STREET MAdison 4-5862

---

## DAN LAPIDUS

3201 EARLINER DRIVE

---

## ACME HARDWARE CO., Inc.

150 So. La Brea Ave. Los Angeles, Calif.

---

## SARAH REINES

13501 HART STREET VAN NUYS, CALIF.

**MR. & MRS. LOUIS TABAK**

---

**L. W. WILLIAMS — Insurance**

1129 Citrus Ave. WEbster 3-7619

---

**PAUL KLEIN**

*In Honor of Our MOTHER ROSE BLOOM*

---

**ANTHONY and ANNA RIGOTTI**

*Greetings to Our Beloved*

L. A. YIDDISH CULTURE CLUB

---

CALIFORNIA'S GREAT HEALTH RESORT

*American Plan*

**GUENTHER'S MURRIETA TOT SPRINGS**

*NO SMOG*

MURRIETA, CALIFORNIA

---

*COMPLIMENTS OF*

**SAUL RASHEL FURS**

134 So. Market St. — INGLEWOOD, CALIF. — LOgan 5-8025

*Through the courtesy of Sam Zuckerman*


*Compliments of*

# MANN BROTHERS

PAINTS and VARNISHES

757 No. La Brea Ave. WEbster 6-5168

LOS ANGELES 38, CALIF.

*Compliments of*

# MR. and MRS.

# SIDNEY BROWN

to the

Thirty-Third Anniversary

of the

LOS ANGELES YIDDISH

CULTURE CLUB

GREETINGS

*from*

**SAM & HELEN LEVINE**

*and the*

**WEINBERG FAMILY**

*Compliments of*

# SINCLAIR PAINT COMPANY

FRANK SINCLAIR, *President*

**3960 East Washington Boulevard** **Los Angeles 23, Californio**

**ANgelus 8-2511**

BRANCH STORES:

499 North Fairfax Avenue WEbster 6-5224

965 South Main Street MUtual 3393

4625 West Pico Blvd. WEbster 8-0116

5600 Santa Monica Blvd. HOllywood 5-7161

12203 Ventura Blvd. STanley 7-3231

1019 East Main St., Alhambra ATlantic 9-3655 or CU. 3-2(?)

8221 South Vermont Avenue

## THE LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

Thirty-three years ago, a very small group of individuals conceived the idea of a Yiddish culture club free of any party affiliations and as a result thereof we have today a wonderful clubhouse, a rich library, an auditorium housing comfortably about three hundred members and guests attending weekly programs in which entertainment is rendered every Saturday evening, as well as weekly lectures every Monday.

Our main spiritual achievements are indeed the hundreds of literary and musical events year in and year out, making the Yiddish language a living link in the life of our Jewish community.

We are, as from the inception, a non-political body, and our entire efforts are still concentrated upon educational and spiritual values in Yiddish life.

The Cultural Committee is always selected from the most competent and devoted members of the Club, and is responsible for the arranging of a literary or musical event from the best available talent, for almost every Saturday evening. Guest artists and writers, who are able to present their talents in Yiddish, are always welcomed and introduced to the entire membership and guests.

The officers of the L. A. Yiddish Culture Club are as follows: I. Friedland, president (for the past 19 years); M. L. Kopiloff, flinancial secretary; M Kaminker, recording secretary; Ab. Schwartz, treasurer; T. Brice and Sam Breinin, vice-presidents; Celia Zuckerman, house manager; Finance Committee: Sam Zuckerman and M. Winarsky; N. Azolin, librarian, and J. Newman, program director.

We are approaching our thirty-fourth year with confidence in our striving to make a real contribution to a more vigorous, more interesting life for its members.

LOS ANGELES YIDDISH CULTURE CLUB

4213 Monroe Street, Los Angeles 29, California

M. L. Kopiloff, *Secretary*